NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05249

# GREZELES PASIRUNGEN

Sergei Rozanov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

18664

ס. ראָזאַנאָוו

# גרעזעלעס פּאַסירונגען

יידיש: מ. טייכמאַן.

צווייטע אויפלאַגע

„קינדער-פריינד", וואַרשע 1938

אין דעם ביכל איז די האַנדלונג איבערגעטראָגן
פון מאָסקווע קיין וואַרשע.

Printed in Poland

S. ROZANOW
GREZEŁES PASYRUNGEN
„Kinder-Frajnd“, (wydanie „B“)
Warszawa 1938
Druk. „Renoma“, Warszawa

ייִדישע פאָלקס ביבליאָטעק
Montreal - מאָנטרעאָל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY
603
15866

## וועגן גרעזעלען

גרעזעלע איז אַ יינגל. ער איז אַ קליינינקער. אומעטום קוקט ער מיט זיינע אייגעלעך, אַלץ וויל ער וויסן. ווי דאָס ערשטע פרילינג־גרעזעלע אין פעלד קוקט ער זיך אַרום אויף דער גאַנצער וועלט, אויף דער זון, אויף די פייגעלעך, אויפן וואַלד, און שטעלט אונטער זיין קעפּעלע אונטערן ווינט. ס'וועט נאָך היפּש לאַנג געדויערן ביז גרעזעלע וועט ווערן אַ גרויסער און מען וועט אים ערנסט רופן אַלעקסאַנדער גראָזמאַן אָדער ווי עס איז אַנדערש. דערווייל רופט מען אים גרעזעלע. און דאָס איז זייער פיין.

## גרעזעלע אויף נאַרטעס

גרעזעלע וווינט מיט טאַטע־מאַמע אין וואַרשע אויף לאַנגער גאַס. דער טאַטע אַרבעט אַ גאַנצן טאָג, די מאַמע אַרבעט אויך. און גרעזעלע אַרבעט אויך. אין קינדערגאָרטן האָט ער נישט לאַנג צוריק אויסגעקלעפּט אַ שיף מיט דריי קוימענס. און דערנאָך האָט זיין גאַנ־צע גרופּע געמאַכט אַ באַן. אַ שאָד נאָר, וואָס דער צוג פאָרט נישט אַליין. מען מוז אים ציען פאַר אַ שנירל. אָבער ווייטער איז אַלץ ווי אינדערעמעסן.

נאָך די לעקציעס אין קינדערגאָרטן פאָרט גרעזע-
לע אויף נאַרטעס. מען האָט אים נאָך פאַראַיאָרן גע-
קויפט קינדערשע נאַרטעס. ער האָט זיך אויסגעלערנט
דרייסט אַראָפּצולאָזן פון אַ באַרג מיט די שטעקעלעך
און אָן די שטעקעלעך. ער פאָרט גאַנץ גיך. ער שטייט
אַפילע נישט אָפּ פון טאַטן, פון דער מאַמען שוין אָפּגע-
רעדט. די קינדער פון קינדערגאָרטן יאָגט ער אַלע
איבער.

דער איקער איז, די רימענס אויף די נאַרטעס זאָלן
זײַן אין אָרדענונג און צוגעפּאַסט צו די פיס, אַז די
הענטשקעס זאָלן זיין גוט וואַרעמע, אנישט וועלן די
הענט אָפּפרירן, און אַז אויף די שטעקעלעך זאָלן די
רעדלעך זײַן גאַנץ. אויסלערנען זיך צו פאָרן אויף
נאַרטעס איז שוין גאָרנישט אַזוי שווער.

## גרעזועלע פאָרט מיטן טאַטן צוזאַמען

אין אַ פרײַען טאָג איז דער טאַטע געפאָרן צו
זײַנעם אַ פרײַנד אויף דאַטשע צו גליטשן זיך אויף
נאַרטעס. דער פרײַנד האָט געוווינט אויף דאַטשע זומער
און ווינטער. אין דעם טאָג האָט מען אין קינדערגאָרטן
אויך נישט געלערנט. האָט דער טאַטע מיטגענומען
גרעזעלען מיט זיך. זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ דראָש-
קע. די נאַרטעס האָבן זיי געהאַלטן אויף די קני. די
מאַמע איז אַרויס אַרײַנצוזעצן גרעזעלן און האָט געזאָגט
צום טאַטן:



— זע נאָר, איך בעט דיך, ס'זאָל גאָרנישט געשען.

דער טאַטע האָט געענטפערט: „גוט". און גרעזעלע האָט געשוויגן. ער האָט דאָך געוווּסט, אַז ס'וועט גאָרנישט געשען.

דער דראָשקער האָט געטון אַ צי די לייצעס און אַ סמאָטשקע מיט די ליפּן. ער איז געווען אַן אַלטיטשקער, און זײַן פערדל איז אויך געווען אַן אַלטס. זיי זענען געפאָרן זייער לאַנג. אָבער זיי זענען פאָרט דערפאָרן צו דעם וואָקזאַל.

## אויף דעם וואָקזאַל

אויף דעם וואָקזאַל איז געווען אַ טומל. מענטשן זענען אַרײַנגעלאָפן אין גרויס אײַלעניש. אַן אַלטע פרוי האָט דאַפקע געוואָלט אַרײַנגיין דורך דער לינקער טיר, אויף וועלכער ס'איז געווען אַן אויפשריפט „אַרויסגאַנג", און מען האָט זי נישט געלאָזן.

גרעזעלע האָט געוואָלט פרעגן דעם טאַטן, פאַרוואָס אַלע אײַלן זיך אַזוי, אָבער דער טאַטע האָט אַ קוק געטון אויפן וואָקזאַל־זייגער און אויך גענומען זיך אײַלן. דער קליינער ווײַזער האָט געוויזן 12, און דער גרויסער — 9. דער טאַטע האָט אַוועקגעשטעלט די נאַרטעס בײַ דער וואַנט און געזאָגט צו גרעזעלען:

— זיץ דאָ און וואַרט אויף מיר. גיי נישט אין ערגעץ. כ'וועל גיין קויפן בילעטן.

## דער טאַטע קויפט בילעטן

גרעזעלע האָט זיך אויפגעשטעלט לעבן די נאַר־טעס און אָנגעהויבן קוקן אויף דעם זייגער. דער גרויסער ווײַזער האָט ווי אַ פּרוזשינע אַ שפּרונג געטון פון איין שטריכעלע אויפן צווייטן. דערנאָך איז ער אַ מינוט געשטאַנען אויפן אָרט און ווידער — אַ שפּרונג! גרעזעלע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ זייגער מיט אַזעלכע שפּרינגענדיקע ווײַזערס. ער האָט באַשלאָסן אומבאַדינגט צו פרעגן דעם טאַטן וועגן דעם און דער־נאָך דערציילן עס די קינדער אין קינדערגאָרטן.

מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ גרויסער געדראַנג. גרעזעלע האָט דערזען דעם טאַטנס פוטערן רעקל און זיך אַ וואָרף געטון צו אים. דער טאַטע איז געגאַנגען גע־אָרעמט מיט אַן אומבאַקאַנטער מומען און וועגן עפּעס מיט איר געשמועסט. זיי האָבן זיך געאײַלט. גרעזעלע האָט אַ פרעג געטון:

— טאַטע, וואָס וועט זײַן מיט די נאַרטעס?

דעם טאַטנס פּלייצע האָט עפּעס אַ בורטשע געטון פאַר אַן ענטפער און איז נאָך גיכער אַוועק צוזאַמען מיט דער מומען אויפן פּעראָן, וווּ מען זעצט זיך אַרײַן אין וואַגאָן. גרעזעלע האָט זיך אָנגעכאַפּט איז טאַטנס רעקל און געלאָפן נאָך זיי.

## דער געלער פּעטער



ווען זיי זענען צוגעקומען צו אַ פרײַען וואַגאָן,

האָט דער טאַטע געזאָגט מיט נישט זײַן קאָל: נו, עליק, קריך אַרײַן! ער האָט גענומען גרעזעלען פֿאַר אַ האַנט און אים געוואָלט אונטערשטופּן צום טרעפּל. נאָר דאָ האָט גרעזעלע באַמערקט, אַז דאָס איז גאָרנישט זײַן טאַטע, נאָר עפּעס אַ פֿרעמדער פּעטער מיט אַ געלער באָרד און אין ברילן. דער פּעטער האָט בייז אַ זאָג געטון:

— פֿונוואַנען נעמסטו זיך, יינגל? און ווו איז עליק?

פֿון הינטן איז געשטאַנען אַ פֿרוי, ענלעך צו אַ ניאַניע. אויף דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ יינגעלע, אַביסל גרעסער פֿאַר גרעזעלען. די ניאַניע האָט אַ געשריי געטון:

— עליק, ט'איז ער דאָך! און איך קוק — איר פֿירט אַ יינגעלע, טראַכט איך: עפּשער אַ באַקאַנטער אַמאָל.

דער יינגל, וואָס איז געזעסן אויף דער האַנט, האָט זיך עפּעס צעוויינט.

גרעזעלע האָט נישט באַוויזן צו זאָגן עפּעס. און ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, נישט געוויינט. ער האָט נאָר געטראַכט, אַז פֿאַר אַזאַ גרויסן יינגל פּאַסט נישט צו זיצן אויף דער האַנט.

דאָ האָט זיך דערהערט אַ פֿײַף, דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעהודזשעט. דער צוג האָט זיך אַ ריר געטון און איז אַוועק. מיטן צוג זענען אַוועק דער געלער פּע־

טער, זײַן באַקאַנטע, עליק מיט דער ניאַניען און אַלע איבעריקע פּאַסאַזשירן. אויפֿן פּעראָן זענען געבליבן נאָר דער שעף פֿון דער סטאַציע אין אַ רויט היטל און גרעזעלע.

## גרעזעלע איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן

דער טאַטע האָט גענומען די בילעטן און זיך אומגעקערט צום אָרט, וווּ ער האָט איבערגעלאָזט גרעזעלען. די נאַרטעס האָבן זיך געוואַלגערט אונטער דער באַנק און דער יינגל איז נישט געווען. איז דעם טאַטן אַ שרעק באַפֿאַלן. ער האָט געקוקט אונטער דער באַנק, אַרויף אויף איר, ער זאָל בעסער קענען זען דעם אויעם, און האָט הויך גערופֿן:

— גרעזעלע! גרעזעלע!

אייניקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך אומגעקערט צו אים און זיך צעלאַכט. דער גראָבער פּאָרטיער אין גראַנאַטענעם קאָסטיום איז צוגעגאַנגען צום טאַטן און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, מיט די פּיס שטעלן זיך טאָר מען נישט. קריכט אַראָפּ. דאָס מעבל איז פֿון נוסהאָלץ.

— איך האָב אָנגעווירן מײַן יינגעלע. איר פֿאַרשטייט, מײַן זון. אַ קליינינקער אַזאַ, אַ פֿינגער די גרייס, און דאָס מויל איז אויסגעשמירט מיט אַ טוש־בלײַער. איר האָט נישט געזען?

— ניין, נישט געזען, — ענטפֿערט דער פּאָרטיער — און שרײַען אויף דעם וואָקזאַל טאָר מען אויך נישט.

ער האָט זיך אָפּגעקערט און איז אַוועק צו דער טיר. דער טאַטע איז אים נאָכגעלאָפן.

אינדרויסן זענען מענטשן אויך אַזוי געלאָפן. ס'איז געקומען דער צוג און אַ מאַסע מענטשן מיט זעקלעך, פּעקלעך, וואַליזעס, רענצלעך און געלע הילצערנע קעסטלעך גייען אַרויס פון וואָקזאַל. דער טאַטע האָט געפרעגט ביי די פּאַסאַזשירן, פּאָליציאַנטן, דראָשקערס. דער טאַטע איז צוגעלאָפן צו יינגלעך און אַפילו צו מיידלעך און אַריינגעקוקט זיי אין די פּנים. גרעזשע־לע איז איז ערגעץ נישט געווען.

דער טאַטע איז צוריק אַריין אין וואָקזאַל. אויף דעם אָרט, וווּ ער האָט איבערגעלאָזט גרעזשעלען, איז נישט געווען נישט גרעזשעלע, נישט די נאַרטעס.

## דער טאַטע און דער קאָנטראָלער

„צי איז ער נישט אַמאָל אַוועקגעפאָרן?" האָט דער טאַטע אַ טראַכט געטון און איז אַרויסגעלאָפן אויפן פּעראָן.

— אַבער ביטע! — האָט דער קאָנטראָלער גע־זאָגט, ווי נאָר דער טאַטע איז צוגעלאָפן צו דער פּאַר־גראַטעווטער טיר, וואָס פירט צום פּעראָן. — איר זעט נישט דעם אויפשריפט: „די בילעטן האַלטן גרייט!"?

מיט אַ ציטערנדיקער האַנט האָט דער טאַטע דער־

לאַנגט דעם קאָנטראָלער די בילעטן, זײַנעם און גרע-
זעלעס.

— אײַער בילעט טויג נישט! — האָט געזאָגט דער קאָנטראָלער. — איר זעט דען נישט דעם אויפשריפט אויף די בילעטן: „גילטיק נאָר אויף דעם צוג, אויף וועלכן ער איז אַרויסגעגעבן”? אײַער צוג איז שוין לאַנג אַוועק.

— און איר האָט נישט געזען, דאָ איז אַדורכגעגאַנגען אַ יינגעלע? — האָט דער טאַטע געפרעגט, באַמיענדיק זיך צו מאַכן אַן אָנגענעמע מינע. — אַזאַ קליינינקער, דאָס מײַלעכל פאַרשמירט מיט טינט.

— דאָ זענען פאַרבײַ אַסאַך יינגלעך. — האָט דער קאָנטראָלער געזאָגט. — און כוץ דעם, לייענט איבער, ביטע, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן: „דעם קאָנטראָלער קיין פראַגעס נישט שטעלן”.

## דער טאַטע שיקט אַ טעלעגראַם

דער טאַטע האָט דורך די גראַטעס באַקוקט דעם גאַנצן פעראָן. גרעזעלען זעט מען נישט. „ער איז זיכער אַוועקגעפאָרן, — האָט דער טאַטע באַשלאָסן. — מען דאַרף גיך שיקן אַ טעלעגראַם”.

ער איז צו צום פענצטערל פון טעלעגראַף. די טעלעגראַפיסטין האָט אים געגעבן אַ בלוי בייגעלע פאַפיר. דער טאַטע האָט אויף אים אָנגעשריבן אַלץ, וואָס מע דאַרף, באַצאָלט פאַר יעדן וואָרט צו 15 גראָשן און



געקוקט, ווי די טעלעגראַפיסטין שיקט אָפּ די טעלע־
גראַם.

זי איז צוגעגאַנגען צו אַ קליין טישעלע, אויף
וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ רעדל. אויפן רעדל איז גע־
ווען אויפגעוויקלט אַ שמאָלער פּאַפּירענער באַנד. לעבן
רעדל זענען געווען קײַלעכיקע מעטאַלענע קעסטעלעך
און אַ מעשן ברעטעלע מיט אַ הילצערן הענטל. די
טעלעגראַפיסטין האָט גענומען דאָס הילצערנע הענטל
און האָט אָנגעהויבן אויסצוקלאַפּן: ציק, ציק־ציק, ציק־
ציק־ציק, ציק־ציק, צי...

## די טעלעגראַם איז אַוועק

אויף די דראָטן, וואָס לענגויס די באַן־רעלסן,
זענען גיך־גיך געלאָפן די נישט־אָנזיכטיקע עלעקטרישע

פונקען. גיכער פון אַ צוג, גיכער פון אַן אויטאָמאָביל, גיכער פון אַן אַעראָפּלאַן, גיכער פון ווינט. אויף דער באַן־סטאַציע, ווו ס'איז געזעסן אַן אַנדערע טעלעגראַפיסטין און ס'איז געשטאַנען אַן ענלעכער טעלעגראַפישער אַפּאַראַט, האָט זיך פון רעדעלע אָפּגעוויקלט דער פּאַפּירענער באַנד. אויף אים זענען געווען פּינטעלעך און פּאַסיקלעך. דאָס האָט די עלעקטרע, וועלכע ס'האָט אַרויסגעשיקט די טעלעגראַפיסטין פון וואַרשע, צוגעדריקט אַ קליין פּעדערל, און דאָס פּעדערל האָט אויף דעם באַנד געשטעלט פּינטעלעך און פּאַסיקלעך.

די טעלעגראַפיסטן האָבן אַן אייגענעם אַלעפבייז איין פּינטעלע און איין פּאַסיקל (·–) באַצייכנט אַן אַ, איין פּאַסיקל און דריי פּינטעלעך (–···) אַ ב. אָט אַזוי ווערט יעדער אָס באַצייכנט דורך פּינטעלעך און פּאַסיקלעך.

די טעלעגראַפיסטין, וואָס האָט אויפגענומען די טעלעגראַם, האָט אַ קוק געטון אויפן פּאַפּירענעם באַנד און אָנגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר געווײנלעכע אויס:עס אָנשטאָט די טעלעגראַפישע. האָט זיך באַקומען אָט וואָס:
צ—ו—פּ—ע—ל—י—ק אָ—פּ—ג—ע—פּ—אָ—ר—ן יי—נ—ג—ל ק—ע—ר—ט א—ו—ם ע—ל—ט—ע—ר—ן.

## וואָס איז געשען מיט גרעזעלען?

ווען דער צוג איז אַוועק און גרעזעלע איז געבליבן אַליין, איז ער געוואָרן זייער אומרויק: און טאָמער איז

גאָר דער טאַטע אַוועקגעפאָרן אויף דער דאַטשע און אים געלאָזן דאָ אַליין? אָבער ניין, ס'קען דאָך נישט זיין. דער טאַטע וואָלט אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט געטון.

דאָ איז צו גרעזעלען צוגעגאַנגען דער סטאַציע־שעף און געפרעגט:

— הערט יינגל, איר האָט דאָ עמעצן באַגלייט? אַזאַ קליינינקער — און אַזוי אײַנגאַנצן אַליין. אָט וואָס עס הייסט היינטיקע קינדער. איר געהערט שוין צו אַן אָרגאַניזאַציע?

גרעזעלע האָט נאָך נישט געהערט צו קיין אָרגאַניזאַציע. ער איז נאָך געווען צו קליין. אָבער ער האָט זיך דערפילט מיטאַמאָל ווי אַ גרויסער. ער האָט אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און ערנסט געענטפערט:

— איך בין שוין גאָרנישט אַזאַ קליינער. איך בין אַ מיטעלער. דער טאַטע האָט מיך מיטגענומען אויף צו גליטשן זיך אויף נאַרטעס. אָבער ער איז פאַרפאַלן געוואָרן.

דער סטאַציע־שעף האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, אונטערגעהויבן די ברעמען און זיך אַראָפּגעבויגן צום יינגל. פונדערווײַטנס האָט ער אויסגעזען ווי אַ פרעגצייכן.

— ווער איז פאַרפאַלן געוואָרן?

— מײַן טאַטע.

דער שעף האָט עפּעס אַ שמייכל געטון, אָבער נישט באַליידיקט, נאָר גאַנץ היימלעך:

— נו, מיר וועלן אים באַלד זוכן, — האָט ער געזאָגט, גענומען גרעזועלען פאַר אַ האַנט און אים אַדורכגעפירט דורך אַ טירל מיט אַן אויפשריפט:

## אַדורכגאַנג פאַר באַאַמטע

## גרעזועלע באַשליסט צו ווערן זעלבשטענדיק

גרעזועלען איז געוועזן זייער צום האַרצן, וואָס אַזאַ וויכטיקער מאַן פירט אים דורך דעם אַדורכגאַנג פאַר באַאַמטע און אירצט אים ווי אַ דערוואַקסענעם. האָט ער באַשלאָסן צו זײַן אינגאַנצן זעלבשטענדיק. ער האָט צומאָל געוואָלט, מען זאָל דעם טאַטן נישט אַזוי גיך געפינען.

זיי זענען געקומען אויף דעם וואָקזאַל. גרעזועלע האָט גלײַך דערקאָנט דאָס אָרט אַנטקעגן זייגער, וווּ ער איז געזעסן מיט די נאַרטעס און געוואַרט אויפן טאַטן. ער האָט אַפילו אָפּגעשטעלט דעם סטאַציע־שעה און געבעטן צוואַרטן איין מינוט, ער זאָל קענען אַ קוק טון אויפן זייגער.

דער גרויסער ווײַזער איז געשפּרונגען ווי פריִער, ער איז צוגעקומען צום ציפער 6. דער קליינער ווײַזער איז געבליבן שטעקן צווישן 12 און 1.

לעבן דער באַנק איז נישט געווען נישט דער טאַ־טע, נישט די נאַרטעס.

## געפֿאַן אויף אַ שפּור

דעם סטאַציע־שעף האָבן אַלע געקענט און גע־גריסט. האָט ער געפרעגט דעם פּאָרטיער וועגן גרעזע־לעס טאַטן.

— יאָ. יאָ. ס'איז דאָ אַרומגעלאָפן אַ מאַן, געזוכט אַ יינגל. אָבער וואַהין ער איז אַוועק, דאָס ווייס איך אַליין נישט. פאַרוואָס האָט איר מיר דאָס פריער נישט געזאָגט? וואָלט איך אים געפרעגט, וואַהין ער וועט גיין.

אַ צווייטער באַאַמטער, דער וועכטער, האָט זיך לאַנג צוגעהערט, ווי גרעזעלע דערציילט וועגן טאַטן און וועגן די נאַרטעס און זיך אויך אַריינגעמישט אין שמועס:

— איך האָב געזען דעם טאַטן דיינעם. די נאַרטעס האָט ער געכאַפּט אונטערן אָרעם און היידאַ אויפן צוג. כ'האָב שוין געמיינט, עפשער אַ גאַנעוו. ער האָט נאָכ־אַנאַנד זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. מיסטאָמע האָט ער דיך געזוכט.

# מען האָט געדאַרפֿט האַנדלען ענערגיש און גיך

מען האָט געדאַרפט האַנדלען ענערגיש און גיך. דעריבער טאַקע האָט גרעזעלע זייער ענערגיש זיך געווענדט צו זײַן פֿרײַנד דעם שעף:

— הער שעף, גיט מיר, בּיטע, אַן אומזיסטן בּילעט צו דער סטאַציע „מיעדזעשין". פֿונדאַנען וועל איך שוין טרעפֿן. רעכטס, ווי מ'גייט אַריבּער די גאַס, געפינט זיך די וויללע נומער 16.

דער שעף האָט ווידער אַ שמייכל געטון, אָפּגעהוסט, אַ בּרום געטון און ענדלעך געזאָגט:

— קיין אומזיסטע בּילעטן קען איך נישט געבּן. און אַגעוו גייט אַהין אַ בּאַן ערשט אין אָוונט.

— וואָס זשע טוט מען? — פֿרעגט גרעזעלע. ער פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ און קוקט דעם שעף גלײַך אין די אויגן.

דער שעף רײַבּט זיך אַבּיסל דעם שפּיץ נאָז, גיט אַ בּרום און זאָגט:

— נו, ס'וועט שוין רעכט ווערן. בּאַלד וועט אַהין גיין אַ דינסטלעכער לאָקאָמאָטיוו. וועל איך דיך אַרויפֿזעצן, וועסט נאָך אַהינקומען בּאַצײַטנס. האָסט נישט קיין מוירע צו פֿאָרן אויף אַ לאָקאָמאָטיוו?

— איך האָב אַפֿילע אויף אַן אויטאָמאָבּיל לעבּן שאָפֿער נישט קיין מוירע. כּוץ דעם האָב איך דאָ נישט

לאַנג אַמאָל אַליין געהאַלטן די לייצעס. דער דראָשקער
האָט מיר געגעבן.

## דער לאָקאָמאָטיוו

האָט טאַקע דער שעף פון דער סטאַציע צוגעפירט גרעזעלען איבער די רעלסן ערגעץ אין אַ זײַט פון פעראָן. ס'איז געווען שווער צו גיין. איין מאָל האָט זיך גרעזעלע שטאַרק צעקלאַפּט דעם פוס אין אַ רעלס. ער האָט געוואָלט וויינען, אָבער ער האָט נישט געוויינט, נאָר אַ רײַב געטון זיך דעם פוס.

— צו וואָס אַזויפיל רעלסן? — האָט ער געפרעגט.

— דערפאַר, ווײַל דאָ קומען זיך צונויף אַסאַך צוגן. יעדער צוג האָט זיך זײַן וועג. דו זעסט, וויפל לאָקאָמאָטיוון ס'שטייען דאָ?

— כ'זע! און אונדזערער?

— אָט איז ער!

זיי זענען צוגעגאַנגען צו אַ ריזיקן שוואַרצן לאָ-קאָמאָטיוו. אינעווייניק האָט עפּעס זייער הויך געשי-פּעט. ס'האָט זיך געפילט ווי פון אַ צעגליטן פּרימוס. גרעזעלע האָט זיך אַביסל דערשראָקן. ער האָט זיך שטאַרק צוגעדריקט צום שעפס האַנט.

— נו, נו, האָב נישט קיין מורא, קליינער! — האָט דער שעף ליבלעך געזאָגט, אינגאַנצן ווי דער טאַטע, און ער האָט הויך אויסגערופן:

— עי, ווײַס!

JEWISH PUBLIC LIBRARY MONTREAL

## דער שוואַרצער מענטש

גרעזעלע האָט שוין געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט אויף אַ האָר קיין מוירע נישט, ווען ס'האָט זיך אין פענצטערל פון לאָקאָמאָטיוו באַוויזן אַ מאַן, גאָרנישט ענלעך אויף אַ ווײַסן מאַן. ער האָט געטראָגן אַ שוואַרץ רעקל, אַ שוואַרץ פאַרפעטסט היטל, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שמוציקע שמאַטקע, און אַפילע דאָס פּאָנעם איז געווען גלאַנציק און שוואַרץ ווי בײַ אַ קוימענקערער.

— וואָס וועט איר זאָגן, הער שעף? — האָט דער שוואַרצער ווײַס אויסגערופן הויך, באַמיִענדיק זיך איבערשרײַען זײַן מאַשין.

— אָט האָב איך אײַך אַ פּאַסאַזשיר געבראַכט נעמט אים מיט זיך אין מיעדזעשין וועט איר אים אַראָפּ־זעצן. נאָר זעט, ער זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן, ווי זײַן אייגענער טאַטע איז פאַרפאַלן געוואָרן. איר פאָרט באַלד אָפּ?

— מיר וואַרטן אויפן סעמאפאָר, הער שעף.

— אהאַ... ממ... ממ... — האָט דער שעף אַ ברום געטון אָנשטאָט אַן ענטפער און דערלאַנגט גרעזעלען די האַנט.

## הער מיקאַלאַי

— נו, זײַ געזונט, ברודערקע, — האָט געזאָגט דער שעף פון דער סטאַציע. — ווי הייסטו?

— גרעזעלע.

— גרעזעלע? עפּעס מאָדנע. ס'איז אַ נאָמען אַזאַ?

— כ'ווייס נישט... ניין... גלאַט אַזוי... און ווי רופט מען דיך?

— מיך רופט מען מיקאָלאַי, — האָט געענטפערט דער שעף.

ער האָט גענומען גרעזעלען, הויך אַ הייב געטון אויף די הענט און אַרויפגעזעצט אים אויפן לאָקאָמאָטיוו.

— נו, זײַ געזונט, ברודער גרעזעלע, פאַרגעס נישט. גריס דײַן טאַטעשי.

גרעזעלע האָט באַשלאָסן קיינמאָל נישט צו פאַר־געסן דעם הער מיקאָלאַי און האָט אַפילו געטראַכט: „אַ שאָד, וואָס אַ מענטש קען נישט האָבן אָנשטאָט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען צוויי טאַטעס. דאָס וואָלט שוין איינמאָל גוט געווען! די מאַמע דערלויבט קיינמאָל גאָרנישט און האָט פאַר אַלץ מוירע, און מיטן טאַטן איז שרעקלעך אינטערעסאַנט און פריילעך. דער צוויי־טער טאַטע, אויפן אָרט פון דער מאַמען, וואָלט געווען דער שעף פון דער סטאַציע. זיי וואָלטן געוווינט צו־זאַמען — דער איצטיקער טאַטע, הער מיקאָלאַי און גרע־זעלע. און די מאַמע וואָלט געקומען צו זיי צוגאַסט".

## גרעזעלע אויפן לאָקאָמאָטיוו

אויפן בריקל פון לאָקאָמאָטיוו איז געווען פינצטער און הייס. גלײַך פאַר גרעזעלען איז געווען אַ ריזיקע



שוואַרצע מאַשין מיט הענטלעך, רעדלעך ווי בײַ אַן אויטאָמאָביל־רודער, מעשענע רערלעך און קײַלעכיקע קעסטעלעך ווי זייגערס. די מעשענע קראַנען און רערלעך האָבן געשיפּעט. גרעזעלע האָט נישט געוווּסט, ווו פֿרי־ער צו קוקן. ער איז געשטאַנען פֿאַר דער מאַשין און מוירע געהאַט זיך אַ ריר צו געבן.

פּלוצלונג האָט זיך עמעצער הינטער אים צעשריִען:

— מאַרש פֿון וועג! כ'וועל דיר אַ קלאַפּ טון!

גרעזעלע האָט גאָרנישט באַמערקט, אַז כּוּץ ווײַסן איז אויפֿן לאָקאָמאָטיוו געווען נאָך איין מענטש, מיס־טאָמע ווײַסנס אַ געהילף.

ער איז אונטערגעקומען פֿון ערגעץ פֿון הינטן. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ ריזיקע שוואַרצע לאָ־פּעטע, ענלעך צו אַ שופֿל. ער האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס קײַלעכיקע אײַזערנע טירל פֿון דער מאַשין און אויף גרעזעלען האָט אַ שלאָג געטון אַזאַ ליכטיקײַט און אַזאַ היץ, אַז ער איז אומגערן אָפּגעשפּרונגען אין אַ ווינקל און זיך אָפּגעקערט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט.

דער אומבאַקאַנטער האָט גענומען פּלינק אַרויפֿ־כאַפּן אויף זײַן לאָפּעטע שוואַרצע גלאַנציקע קוילן און אַרײַנוואַרפֿן אין אויוון פֿון דער מאַשין. פֿון גרילצן און קלאַפּן האָט גרעזעלען אַזש אין די אויערן געקלונ־גען. ענדלעך האָט זיך דאָס אײַזערנע טירל פֿאַרמאַכט מיט אַ קנאַל, און גרעזעלע האָט זיך פֿאַרזיכטיק אויס־געדרייט.

דער אומבאַקאַנטער האָט געקוקט אויפֿן ווײַזערל פֿון דער מאַשינס זייגער און געקלאַפּט אויף אים מיט די פֿינגער. ווײַס האָט זיך אויף דער העלפֿט אַרויסגע־רוקט דורכן פֿענצטערל און עפּעס ווי אײַנגאַנצן פֿאַר־געסן אין גרעזועלען.

## דער סעמאַפֿאָר

גרעזועלע האָט באַשלאָסן צו זאָגן עפּעס. ער האָט אַ ריר געטון ווײַסן אין פֿוס.

— הער ווײַס, — האָט ער געזאָגט, — זי וועט באַלד קומען די סעמאַפֿאָרע? איר האָט דאָך געזאָגט: מיר וואַרטן אויף דער סעמאַפֿאָרע.

— ניט סעמאַפֿאָרע, נאַרעלע, נאָר סעמאַפֿאָר! קום אַהער, גיב אַ קוק!

ווײַס האָט אָנגעכאַפּט גרעזועלען אונטערן אָרעם און געוויזן אים דעם וועג פֿאַרן לאָקאָמאָטיוו. הויך אויף אַן אײַזערנעם שטאַנג איז געווען צוגעקלאַפּט אַ ווײַס ברעטל, ענלעך צו אַ גרויסן פֿליגל פֿון אַ גריל.

— דאָס איז אַ סעמאַפֿאָר, — האָט ווײַס געזאָגט. — איצטער איז ער אַראָפּגעלאָזט, הייסט עס, אַז מע טאָר ניט פֿאָרן. פֿון פֿאָרנט גייט אַ צוג, מיר קענען אים אָניאָגן. מיר וועלן אים אַ שטויס טון אין הינטערשטן וואַגאָן — קען געשען אַ קאַטאַסטראָפֿע.

 — גיב אַ קוק, עס רירט זיך, עס הייבט זיך אויף! —



האָט גרעזעלע אַ געשריי געטון און געפּאַטשט אין די הענט.

טאַקע, דער שטײַף אָנגעצויגענער דראָט האָט אַ סקריפּע געטון, און דאָס ברעטל פֿון סעמאַפאָר האָט זיך אַ הייב געטון אינדערלופֿטן.

— נו, מען קען שוין פֿאָרן, — האָט ווײַס געזאָגט.

ער האָט אַ צי געטון פֿאַר אַ שטריקל. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך אַזוי צעשריִען, אַז גרעזעלען האָט גענומען קלאַפּן אַ צאָן אין אַ צאָן. ווײַס האָט אַ דריי געטון עפּעס אַ רעדל, דערנאָך אַ צי געטון עפּעס אַ הענטל צו זיך, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך פּאַמעלעך אַ ריר געטון פֿון דער סטאַציע.

## דער טאַטע קריגט אַן ענטפֿער

אין דער זעלבער צײַט האָט דער טאַטע געשפּאַנט מיט גיכע טריט אַרום דעם פֿענצטערל פֿון טעלעגראַף. ער איז געווען זייער אומרויִק. דער טעלעגראַף האָט געזאָלט ברענגען אַן ענטפֿער פֿון דער סטאַציע „מיעדזעשין“, אָבער קיין ענטפֿער איז נישט געווען. דער טאַטע האָט שוין געוואָלט שיקן נאָך אַ טעלעגראַם, נאָר

מיטאַמאָל האָט דער אַפּאַראַט בײַ דער טעלעגראַפיסטין אָנגעהויבן קלאַפּן, און ס׳איז אַרויסגעקראָכן פון אים אַ שמאָלער פּאַפּירענער באַנד. דאָ האָט שוין דער טאַטע נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט געעפנט אַ טיר מיט אַן אויפשריפט:

| פאַר זײַטיקע אַרײַנגאַנג פאַרווערט |
|---|

און איז צוגעלאָפן צום אַפּאַראַט. ער האָט געכאַפּט דעם באַנד אין די הענט אַרײַן, אָבער דאָרט זענען געווען בלויז פּינטעלעך און פּאַסיקלעך, פּאַסיקלעך מיט פּינטעלעך.

די טעלעגראַפיסטין האָט אַ פאַרווונדערטע אָנגעקוקט דעם טאַטן און אַ זאָג געטון נישט איבעריק העפלעך:

— בירגער, איר האָט איבערגעלייענט? טאָ גייט אַרויס פון אַמטלעכן לאָקאַל.

— אָבער איך פאַרשטיי נישט... אײַער שפּראַך, — האָט געזאָגט דער טאַטע, — לייענט מיר עס איבער, ביטע.

— אויב איר פאַרשטייט נישט, טאָ בלײַבט שטיין פאַרן פענצטערל! — אַזוי האָט די טעלעגראַפיסטין געזאָגט צום טאַטן.

דערנאָך האָט זי אַ קוק געטון אויפן באַנד און שנעל עפּעס אָנגעשריבן אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר.

— אָט איז אײַער ענטפער, — האָט זי געזאָגט און אַרויסגעשטעקט דורכן פענצטערל אַ צונויפגעלייגט פּאַפּירל.

דער טאַטע איז אַרויס פון צימער און גענומען אין האַנט אַרײַן דאָס פּאַפּירל. אויף אים איז געווען אָנגעשריבן: געזוכט גאַנצן צוג פּאַרפּאַלע־נעיינגלעך פּונקט נישט געפונען פּונקט ווען געפינען וועלן מיר אַרויסשיקן פּונקט.

## דער טעלעפאָן

דער ענטפער איז געווען נישט פאַרשטענדלעך. אָבער דער טאַטע האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז גרעזעלע איז אין צוג נישטאָ.

„עפשער איז ער גאָר אַמאָל אַוועק אַהיים, דער כעוורעמאַן?" האָט דער טאַטע אַ קלער געטון. — מען דאַרף אָנטעלעפאָנירן".

ער האָט אַרײַנגערוקט דעם קאָפּ דורך דעם טע־לעגראַף־פענצטערל און געבעטן מיט אַ שטילן און טרויעריקן קאָל אַ דערלויבעניש צו רעדן דורכן טע־לעפאָן. די טעלעגראַפיסטין איז געווען אַ גוטע. זי האָט געזען, אַז דער טאַטע איז זייער צערודערט, האָט זי דערלויבט.

דער טאַטע איז ווידער אַרײַן אין צימער, האָט גענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און צוגעלייגט עס צום

אויער. דער הייבער, אויף וועלכן דאָס טרײַבל איז גע־לעגן, האָט זיך אויפגעהויבן, די דראָטן אין טעלעפאָן־אַפּאַראַט האָבן זיך פאַרייניקט און אַן עלעקטרישער שטראָם איז איבער זיי אַוועק גלײַך אין דער טעלע־פאָן־צענטראַלע. דאָרט זענען אײַנגעאָרדנט גרויסע שוואַרצע ברעטלעך מיט נעסטעלעך. צו די נעסטעלעך דערגייען די דראָטן פון אַ העלפט וואַרשעווער טע־לעפאָנען.

אויף איין ברעטל האָט זיך אָנגעצונדן אַ פּיצעלע לעמפּעלע. פאַר דעם ברעטל איז געזעסן אַ טעלעפאָ־ניסטין. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ רייפל מיט אַ טעלעפאָן־טרײַבל. די טעלעפאָניסטין האָט דערזען דאָס אָנגעצונדענע לעמפּעלע, האָט זי זיך פאַרבונדן מיטן טעלעפאָן פון דער סטאַציע און געזאָגט צום טאַטן:

— צענטראַלע...

דער טאַטע האָט געזאָגט:

— 62—84—11.

דאָס האָט ער אָנגערופן דעם נומער פון טעלע־פאָן פון זײַן דירע, ווו ער האָט געוווינט מיט גרעזע־לען און דער מאַמען.

די טעלעפאָניסטין האָט גענומען אַ שנור מיט אַ גלאַנציק שטיפטל; אין דעם שנור האָט זיך געענדיקט דער דראָט פון סטאַציע־טעלעפאָן.

פאַר דער טעלעפאָניסטין אויפן ברעט זענען גע־ווען 60.000 נעסטעלעך. דאָס איז זייער אַ סאַך. אָבער

זי האָט אַזוי גוט געוווּסט, ווו עס געפינט זיך וועלכער נומער, אַז זי האָט באַלד געפונען דאָס נעסטעלע פון טאַטנס טעלעפאָן־נומער און אַרײַנגעשטעקט אַהין דאָס שטיפטל פון דעם שנור. נאָכדעם האָט זי אַ קוועטש געטון אַ קנעפּעלע, און אין טאַטנס דירע האָט אַ קלונג געטון דער טעלעפאָן.

אויסער דער צענטראַלער טעלעפאָן־סטאַציע איז אין וואַרשע נאָך דאָ אַן אויטאָמאַטישע סטאַציע. זי איז אַזוי אײַנגעאָרדנט. אַז די פאַרבינדונג צווישן די טעלע־פאָנען קומט פאָר אָן דער הילף פון די טעלעפאָ־ניסטינס.

## דער שמועס

די מאַמע האָט גענומען דאָס טרײַבל, און צווישן איר און דעם טאַטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס.

— איך הער.

— זאָג, כ׳בעט דיך. גרעזעלע האָט שוין געגעסן מיטאָג ?

די מאַמע האָט נישט דערקענט דעם טאַטנס קאָל האָט זי געמיינט, אַז ס׳רעדט איר ברודער (גרעזעלעס פעטער), און געענטפערט :

— גרעזעלע איז נישטאָ אין דער היים. ער איז אַוועקגעפאָרן מיטן טאַטן אויף אַ דאַטשע, גליטשן זיך אויף נאַרטעס.

דעם טאַטנס קאָל :

—אָבער ניין, ער האָט געוואָלט גיין אַהיים. דאָס רעדט איך — דער טאַטע!

— ער איז נישט געקומען... ווי האָסטו אים דאָס געלאָזט אַליין? — האָט די מאַמע דערשראָקן אַ שעפּטשע געטון און אַרויסגעלאָזט דאָס טרײַבל פון האַנט.

דער טאַטע האָט געוואָלט דערציילן דעם גאַנצן עמעס, דערקלערן, אַז גרעזעלע איז אומגערן פאַרפאַלן געוואָרן, נאָר די מאַמע האָט זיך שוין מער נישט אָפּגערופן.

דעמאָלט האָט דער טאַטע גיך אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער, די טײַלעגראַפּיסטין האָט אים נאָכגעקוקט, איז אויפגעשטאַנען און האָט פאַרמאַכט אויפן קייטל די טיר מיט דער אויפשריפט:

| |
|---|
| פ אַ ר ז ײַ ט י ק ע א י ז ד ע ר א ר ײַ נ ג אַ נ ג פ אַ ר וו ע ר ט. |

## דער אויטאָמאָביל

אויפן הויף פון דער סטאַציע איז געשטאַנען אַ ריזיקער מאַסע־אויטאָמאָביל. אַרבעטער האָבן אָנגעלייגט אויף דער פּלאַטפאָרמע 60 שווערע זעקלעך מיט מעל. דאָס אויפלאָדן האָט זיך געענדיקט. די אַרבעטער האָבן מיט אײַזערנע דרענגלעך פאַרמאַכט די זײַטיקע ווענטלעך פון דער פּלאַטפאָרם.

דער טאַטע איז צוגעלאָפן צו די אַרבעטער. ער איז געווען זייער אויפגערעגט. ער האָט קוים אַרויס־גערעדט די ווערטער:

— בּרידער! כאַוויירים! עפשער פאָרט איר ביז לאַנגע גאַס?

— יאָ, אויף לאַנגער — האָט איין אַרבעטער געענטפערט — פירן מיר מעל אין אַ בעקערײַ.

— עפשער וועט איר מיך מיטנעמען? — האָט דער טאַטע געפרעגט. — מיטן טראַמוויי געדויערט זייער לאַנג, און בײַ מיר, פאַרשטייט איר, האָט גע־טראָפן אַן אומגליק.

מען האָט טאַקע גלײַך געקענט זען, אַז דעם טאַטן האָט געטראָפן אַן אומגליק.

דער עלטערער אַרבעטער האָט געזאָגט:

— נו, זעץ זיך אַרויף, מירן דיך צופירן.

דער טאַטע איז אַרויף אויף די זעקלעך.

דער שאָפער איז אַרויס פון זײַן אָרט, אַ דרײ געטון בײַם הענטל דעם מאָטאָר, דערנאָך זיך אַוועק־געזעצט בײַם קערעווער. לעבן דעם שאָפערס זיצאָרט איז געווען אַ לאַנגע אײַזערנע שטאַנג מיט אַ קײַלע־כיק שמאָל קעפּל. דער שאָפער האָט איבערגערוקט דאָס דרענגל, אַ דרוק געטון מיטן פוס דעם טרעטער, און די מאַשין איז מיט אַ געליאַרעם אַוועק איבער די גאַסן פון שטאָט.

אין צען מינוט אַרום האָט שוין דער טאַטע געקלונגען בײַ דער טיר פון זײַן וווינונג. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. דעמאָלט האָט דער טאַטע מיט זײַן שליסל אויפגעעפנט די טיר און איז אַרײַן אין דער דירע. די מאַמע איז אין ערגעץ נישט געווען.

## וואָס איז געשען מיט דער מאַמען

מיט דער מאַמען איז גאָרנישט געשען. ווען זי איז אַביסל געקומען צו זיך נאָך דעם איבערשרעק, האָט זי באַשלאָסן, אַז גרעזעלע איז מיסטאָמע אָפּגעפאָרן צום פעטער. אין אַ יאָנטעוודיקן טאָג פאָרט ער שטענדיק צוגאַסט. דאָרט בײַ מאַניען, גרעזעלעס שוועסטערקינד, איז דאָ זייער אַן אינטערעסאַנטער לעבעדיקער ווינקל.

אָבער פאַרוואָס האָט דער טאַטע געפרעגט, צי גרעזעלע איז שוין צוריקגעקומען אַהיים?

דער טעלעפאָן איז שוין געווען איבערגעריסן און בײַ גרעזעלעס פעטער (דער מאַמעס ברודער) איז קיין טעלעפאָן אין דער דירע נישטאָ. זי האָט צוגעוואַרט, עפשער וועט דער טאַטע נאָכאַמאָל קלינגען. אָבער קיינער האָט נישט געקלונגען. דעמאָלט האָט די מאַמע זיך דערמאָנט, אַז מען קען שיקן אַ פּאָסט־טעלעפאָנאָגראַם און איז אַרויס אין גאַס.

## די פּאָסט־טעלעפאָנאָגראַם

אויף די וואַרשעווער גאַסן זענען אויפגעשטעלט שיינע קיאָסקן. אין זיי געפינט זיך אַן אָפּטייל פון די פּאָסט. די מאַמע איז צוגעגאַנגען צו אַזאַ קיאָסק און געבעטן אָפּצושיקן אַ פּאָסט־טעלעפאָנאָגראַם.

דאָס וועט קאָסטן פופציק גראָשן, — האָט געזאָגט די פאַרוואַלטערין פון קיאָסק, און דערלאַנגט דער מאַמען אַ בלאַנק.

די מאַמע האָט באַצאָלט און אָנגעשריבן:

„צי איז נישטאָ בײַ אײַך גרעזעלע? ענטפערט טייקעף".

דערנאָך האָט זי אָנגעשריבן דעם אַדרעס און זיך אונטערגעשריבן. די פאַרוואַלטערין האָט אָנגעקלונגען אין איר הויפּט־קאָנטאָר. דאָרט האָט מען פאַרשריבן דער מאַמעס בריוו און אַוועקגעגעבן דעם בריוו־טרע־גער. דער בריווטרעגער האָט זיך געזעצט אויף אַ מאָ־טאָציקל און איז אַוועק צו גרעזעלעס פעטער אָפּטראָגן דעם בריוו.

## גרעזעלע איז דאָ

די מאַמע איז געקומען אַהיים. אַ בליײַכער און אַ צעטראָגענער, באַגעגנט זי דער טאַטע אין דער טיר, אײַנגעאָנצן אויסגעשמירט אין מעל.

— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? — זאָגט ער און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ.

די מאַמע האָט אים געוואָלט אויסזידלען, פאַר־וואָס ער האָט אַזוי נישט פּאָרזיכטיק אָפּגעלאָזט גרע־זעלען איינעם אַליין, נאָר זעענדיק ווי דער טאַטע איז פאַרזאָרגט, האָט זי שוין געשוויגן. זי האָט נאָר טרויע־ריק געזאָגט:

— דו וואָלסט זיך כאָטש אָפּגעפּוצט די קליידער— און זי האָט געגעבן דעם טאַטן אַ בערשטל.

און ווען דער טאַטע האָט איר דערציילט דעם גאַנצן עמעס, דערציילט וועגן דער טעלעגראַם, וועגן דעם, ווי די נאַרטעס זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט די מאַמע זיך ווידער דערשראָקן: צי האָט נישט כאַ־לילע עמעצער צוגעגאַנווּעט גרעזעלען?

פּלוצלונג האָט הינטערן פענצטער זיך דערהערט אַזאַ קלאַפּערײַ און טראַסקערײַ, ווי מען וואָלט מיט איין מאָל געשאָסן פון צען רעוואָלווערן. די מאַמע האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און דערזען אַ פּאָסט־מאָטאָציקל. זי האָט געזאָגט צום טאַטן, שוין אַביסל פריילעכער:

— דאָס איז אַן ענטפער פון פעטער. מירן באַלד וויסן אַלץ. — און זי איז אַוועק עפענען די טיר.

אין אַ מינוט אַרום האָבן דער טאַטע און די מאַ־מע געלייענט דעם ענטפער אויף דער פּאָסט־טעלעפאָ־נאָגראַם.

— ג ר ע ז ע ל ע ד אָ. א י ב ע ר מ אָ ר ג ן מ אָ נ י ע ב ר ע נ ג ע ן.

## די טאַקסי

וואַרטן ביז איבערמאָרגן איז געווען אוממעגלעך. דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך אָנגעקוקט און שווײַגנדיק באַשלאָסן: מען דאַרף פאָרן צום פּעטער טאַקע גלײַך.

— פאָרן מיר? — האָט די מאַמע געפרעגט.

דער טאַטע האָט געענטפערט „גוט", און זיי האָבן ביידע גענומען אָנטון די קאַלאָשן. די מאַמע האָט מיטן רעכטן פוס געטראָפן אין לינקן קאַלאָש און זיך זייער געבייזערט, וואָס דער קאַלאָש טוט זיך נישט אָן. דער טאַטע האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט.

— אַלץ דו, — האָט די מאַמע געבורטשעט, זיך אײַנגעבויגן און ענדלעך אָנגעטון די קאַלאָשן ווי ס'געהער צו זײַן.

אינדרויסן איז לאַנג נישט געקומען קיין טראַמוויי. נישט ווײַט איז געשטאַנען אַ קליינער פאַרמאַכטער אויטאָמאָביל. האָט דער טאַטע געזאָגט:

— ווילסט, וועלן מיר צופאָרן מיט אַ טאַקסי? דאָס איז אַ סאַך גיכער און נישט זייער טײַער.

די מאַמע האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. זי האָט ליב געהאַט צו פאָרן מיט אַ טאַקסי. זיי זענען צו צום אויטאָ. לעבן דעם שאָפערס בענקעלע איז געווען צוגעשרויפט אַ ציילער — אַ שוואַרץ קעסטעלע מיט אַ בלויען אײַזערנעם פענדעלע, און אויפן פענדעלע אַן אויפשריפט — „פרײַ".

דער שאָפער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס פענדעלע.

דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין אויטאָ, געזאָגט וואוּהין צו פאָרן. דער שאָפער האָט אַ לאָז געטון די מאַשין. די רעדער האָבן זיך אַ דריי געטון און צוזאַמען מיט זיי האָט זיך אין ציילער גענומען דרייען אַ קליינינק רעדעלע. דאָס רעדעלע איז געווען פאַרייניקט מיט אַ ראָד פון אויטאָ דורך אַ דינ קייטעלע. דער אויטאָ איז אַדורכגעפאָרן קילאָמעטערס, און דאָס רעדעלע אין ציילער האָט אָפּגעקלאַפּט ציפער: פאַר יעדן קילאָמעטער 50 גראָשן.

ווען דער טאַטע און די מאַמע האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין דער טאַקסי, זענען אויפן ציילער געווען בלויז צוויי פוסטע קוואַדראַטלעך, און ווען זיי זענען צוגעפאָרן צום פעטערס הויז, זענען שוין אויפן ציילער געשטאַנען די ציפערן: 2 זלאָטעס מיט 50 גראָשן. דאָס האָט דער ציילער געוויזן, וויפל מע דאַרף באַצאָלן.

## ביים פעטער

דער פעטער איז געווען אין דער היים און געלייענט אַ צײַטונג. מאָניע האָט זיך געפאָרעט אין זײַן ווינקל פון לעבעדיקער נאַטור.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ קלונג. מאָניע לויפט עפענען. דער טאַטע און די מאַמע זענען אַרײַן אין קאָרידאָר.

די מאַמע האָט אַ זאָג געטון:

— נאָך גרעזעלען זענען מיר געקומען!
ענטפערט מאַניע:
— גלײַך.
ער איז אַוועק און געבראַכט אַ קלײנינק בלומען־טעפּעלע. אין טעפּעלע האָט געשטעקט אַ צאַרט גרין גרעזעלע.
— אַליין אויפגעהאָדעוועט! — זאָגט מאַניע מיט ערנסט. — איר ווילט עס מיסטאָמע עמעצן שענקען צום געבורטסטאָג? ביטע, נעמט, איך וועל מיר אויפהאָדעווען אַן אַנדער גרעזל!
מאַניע איז גערן געווען מיט עפּעס צו העלפן, ער איז בעכלאַל געווען אַ גוטער ייִנגל.
דאָ איז פון זײַן צימער אַרויס דער פעטער מיט דער צײַטונג אין האַנט. דער טאַטע און די מאַמע זענען געשטאַנען אין קאָרידאָר אין די מאַנטלען. די מאַמע האָט שוין געוויינט, דער טאַטע האָט געשוויגן. דער פעטער האָט קוים פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען.
ער האָט געזאָגט:
— פאַרוואָס האָט איר נישט געמאָלדן אין פּאָליציי? איר מוזט עס טייקעף מעלדן.

## דער לאָקאָמאָטיוו ג״ט

איז דער זעלבער צײַט איז דער לאָקאָמאָטיוו מיט גרעזעלען צוגעקומען נאָענט צו דער סטאַציע „מיע־דזעשיז״.

ווײַס גיט צו פאַרשטיין:

— דער לאָקאָמאָטיוו גייט מיט דאַמף.

— דאָס ווייס איך! — זאָגט גרעזעלע.

— אינעווייניק אין דער מאַשין איז דאָ אַ קעסל, און אונטערן קעסל—אַן אייוועלע. אין קעסל איז דאָ וואַסער. דאָס וואַסער זידט, באַקומט זיך דאַמף. דער דאַמף וויל זיך אַרויסרײַסן, צעגייט זיך איבער די רערן, פאַלט אַרײַן אין די הייבערס און אָט שטופּט ער אַרויס דאָ איין הייבער, דאָ אַ צווייטן. ווי אַ קאָרעק פון אַ קינדע-ריש ביקסל, נאָר אַ סאַך שטאַרקער. די הייבערס זענען פאַרייניקט מיט די רעדער, און זיי דרייען די רעדער. אָט אַזוי גייט דער לאָקאָמאָטיוו.

— כ'פאַרשטיי, — זאָגט גרעזעלע. — און צו וואָס איז דער זייגער?

— וועלכער זייגער?

— אָט דער אויף דער מאַשין.



— דאָס איז נישט קיין זייגער, נאַרעלע. דאָס איז אַ מ אַ נ אָ מ ע ט ע ר. ער ווײַזט, וויפל דאַמף ס'האָט זיך אָנגע-קליבן, און ווי שטאַרק דער דאַמף דריקט אויף די הייבערס.

— כ'פאַרשטיי, — זאָגט

גרעזעלע פעסט: ער וויל נישט זײַן קיין נאַרעלע.

בײַ אַ קערפּונקט טוט ווײַס אַ צי פֿאַר אַ שטריכל. דער לאָקאָמאָטיוו הודזשעט. אָבער גרעזעלע האָט זיך שוין צוגעוווינט. ער האָט גאָרנישט קיין מוירע. פֿון אונטער די רעדער רײַסט זיך אַרויס דער דאַמף: פֿאַף-פֿאַף-פֿאַף! אויף די קליינע סטאַנציעלעך הודזשעט דער לאָקאָמאָטיוו און שטעלט זיך נישט אָפּ. די טעלעגראַף-סלופּעס לויפֿן פֿאַרבײַ דעם לאָקאָמאָטיוו, ווי עמעצער וואָלט זיי געצויגן פֿאַר שטריקלעך. די שטריקלעך — דאָס זענען די דראָטן. הינטער די סלופּעס דרייען זיך ווײַסע שנייִיקע פֿעלדער. און גאָר פֿונדערווײַט יאָגן זיך דערפֿעלעך איבער מיטן לאָקאָמאָטיוו.

## אָנגעקומען

אָט האָט זיך פֿאַר דער סטאַנציע „מיעדזשין" אויפֿגעהויבן דער סעמאַפֿאָר — ביטע, דער וועג פֿאַר אײַך איז פֿרײַ.

ווײַס האָט איבערגערוקט אַ קאָרבע, איבערגע-דרייט אַ רעדל אויף דער מאַשין, האָט זיך דער לאָקאָ-מאָטיוו פֿאַמעלעך אָפּגעשטעלט, אָבער נישט גלײַך מיט דער סטאַנציע, ווו ס'שטעלן זיך אָפּ אַלע צוגן, נאָר אַביסל ווײַטער, פֿון דער זײַט, בײַ דער ווײַסער געבײַ-דע פֿון דער סטאַנציע. האָט מען געמוזט אַריבערגייז אַ סאַך, אַ סאַך רעלסן.

גרעזעלען האָט זיך נישט געגלוסט אַראָפּצוגייז פֿון

לאָקאָמאָטיוו: וואָס האָט אַלץ זייער אינטערעסאַנט אים דערקלערט. דער געהילף פון מאַשיניסט איז אויך געווען אַ גוטער, האַגאַם אויסגעזען האָט ער ווי אַ ביי־זער מענטש. אונטערוועגס האָט ער געגעבן גרעזועלען אַ גלאָז הייסע טיי פון בלעכענעם טשײַניק און אַ קליינטשיק שטיקעלע צוקער. גרעזועלע האָט אַרײַנגע־לייגט דעם צוקער אין מויל אַרײַן און פאַרטרונקען מיט טיי. ס'איז געווען אַ סאַך געשמאַקער איידער אין דער היים.

ווען גרעזועלע האָט געדאַרפט אַראָפּקריכן פון לאָ־קאָמאָטיוו, איז דער געהילף פון מאַשיניסט שוין גע־שטאַנען אויף דער ערד. ער האָט אונטערגעכאַפּט גרע־זועלען אויף די הענט און אים אַנידערגעשטעלט צווישן די רעלסן.

— אַ דאַנק, — האָט גרעזועלע געזאָגט. — אַ גוטן טאָג, הער וואָס!

— אַ גוטן, אַ גוטן, יאַטל! דעם וועג ווייסטו?

— כ'ווייס. אַ גוטן, הער געהילף־מאַשיניסט!

וואָס איז געווען אויבן אויפן לאָקאָמאָטיוו, האָט אים גרעזועלע געגריסט מיט דער האַנט. דער געהילף איז געשטאַנען דערלעבן. גרעזועלע האָט צו אים אויס־געשטרעקט די האַנט. דער געהילף האָט אַראָפּגעצויגן די שוואַרצע לעדערנע הענטשקע, געדריקט גרעזו־לעס האַנט און אים אַ גלעט געטון אין בעקל. דעם געהילפס האַנט איז געווען האַרט ווי אײַזן און ס'האָט

געשמעקט פון איר מיט לאָקאָמאָטיוו. אָבער גרעזעלען איז עס געווען אָנגענעם.

## גרעזעלע אליין

גרעזעלע איז גיך פאַרבײַ די ווײַסע געבײַדע פון דער סטאַציע און אַוועק צו די ווילעס. אַלץ אַרום איז געווען ווײַס. אָנשטאָט אַ ברייטן שטיינערנעם טראָטואַר האָט זיך געצויגן אַ שמאָלינק שטעגל. עס איז געווען אויסגעטרעטן אין שניי. די ווילעס זענען געווען פאַרקלאַפּט און גאָרנישט ענלעך צו די זומערדיקע ווי-לעס. זומערצײַט פלעגן אויף די ווערענדעס הענגען פאָרהענגלעך. זומערצײַט פלעגט מען אַ סאַך ווילעס נישט אַרויסזען פון הינטער די גרינע ביימער.

גרעזעלע איז אַוועק גענוג ווײַט פון דער סטאַציע. די שטאַרקערס ווילע האָט מען נישט געזען. דעם סטאַוו אויך נישט.

די זון האָט זיך געזעצט. ס׳איז געוואָרן זייער קאַלט. ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ ווינט. גרעזעלען איז געוואָרן נישט היימלעך און אומעטיק. ער האָט זיך אָנ-געשפּאַרט אין אַ בוים און זיך צעוויינט.

## דער פּיאַנע-חאָלף

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ דינינק שטימעלע:

— ווי אַזוי שעמסטו זיך נישט, ייִנגל? אַזאַ גרוי-סער, און דו ווייִנסט! פע!

גרעזעלע האָט אויסגעווישט די אויגן און דערזעו



פאַר זיך אַ מיידעלע, אויך נישט זייער קיין קליינע, אַזאַ מיטעלע. ער האָט נישט געוווסט, פונוואַנען דאָס מיידעלע איז אונטערגעקומען. זי האָט געשלעפּט פאַר אַ שטריקל אַ קליין שליטעלע, און אין שליטעלע איז געזעסן אַ ליאַלקע.

גרעזעלעס טרערן זענען באַלד אויסגעטריקנט געוואָרן. ער האָט אַ צי געטון מיט דער נאָז און געענטפערט:

— איך וויין גאָרנישט... און ווידער, עפּשער האָב איך גאָר געזען אַ וואָלף!

— דאָ איז נישטאָ קיין וועלף — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט גאַנץ הויך. דערנאָך האָט זי געשוויגן אַביסל און שטיל געפרעגט: — און וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ וואָלף, אַ גרויסער?

— זייער אַ גרויסער, גרעסער פון אַ פּיאַנע! — האָט גרעזעלע אַ זאָג געגעבן און זיך גלייך פאָרגעשטעלט, ווי ס'רוקט זיך אָן גלייך אויף זיי אַזאַ פּיאַנע־וואָלף אויף דריי פיס, גיט אַן עפן אויף אַ ריזיק מויל, און ציין האָט ער ווי די קלאַווישן פון אַ פּיאַנע — שוואַרצע און ווייסע.

— אָבער איך וועל דיך באַשיצן — האָט גרעזעלע צוגעגעבן און האָט זיך אַ קלאַפּ געטון איבער דער קעשענע: אין קעשענע איז געלעגן אַ קליין מעסערל מיט אַ ביינערן הענטל.

## די שטאָרקערס האָבן זיך נישט דערוואַרט אויף די געסט

דעם מיידעלע איז זייער געפעלן, וואָס גרעזעלע איז נישט קיין פּאַכדן. זי האָט באַשלאָסן זיך נעענטער מיט אים צו באַקענען און אַ פרעג געטון:

— און וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין געקומען צוגאַסט צו באַקאַנטע.

— צו וועלכע באַקאַנטע?

— צו די שטאָרקערס.

— און די שטאָרקערס זענען מיטן דרײַער צוג אָפּגעפאָרן אין שטאָט! זיי האָבן זיך געריכט אויף געסט, אָבער ס'איז קיינער נישט געקומען, זענען זיי אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע.

— און ווו איז זייער ווילע?

— זייער ווילע איז אַביסל ווײַטער פונדאַנען.

— און ווו איז דער סטאַוו?

— דאָרט איז דער סטאַוו. נישט מער, איצט איז ער אונטערן שניי. — און דאָס מיידעלע האָט אָנגעוויזן אויף אַ ווײַסן פלאַץ, אַרומגערינגלט מיט סאָסנעס, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט שניי, ווי מיט פעלעכלער פון קיניגלעך.

גרעזעלען איז ווידער געוואָרן ביטער אין נאָז, און אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. דאָס מיידעלע האָט אים געוואָלט טרייסטן און געזאָגט:

— ווילסט, קום מיט מיר אויף דער סטאַציע.

## זונעלע

— קום, — האָט גרעזעלע געזאָגט, — נאָר לאָמיר זיך פריִער באַקענען. ווי הייסטו?

— איך הייס סאָניעלע. און דו?

גרעזעלע האָט נישט באַוויזן צו ענטפערן. אויף דעם מיידעלעס פּאָנעם איז פּלוצלונג געפאַלן אַ שטראַל פון דער זון. ער האָט איר אַ קיצל געטון אין די אויגן און אין נאָז. סאָניעלע האָט זיך אַ קרום געטון און זיך צעניסט: אַפּשיק!

גרעזעלע האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— זונעלע, די זון מאַכט דיך ניסן.

און דערנאָך האָט ער זיך נאָך העכער צעלאַכט:

— ווי קאָמיש ס'איז בײַ מיר אַרויסגעקומען — זונעלע! נו, איך וועל דיך אַזוי רופן — זונעלע, און איך הייס גרעזעלע.

— נישט עמעס, — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט — ס'איז נישטאָ אַזעלכע נעמען.

— ניין, ס'איז יאָ דאָ. איך הייס גרעזעלע דערפאַר, ווײַל כ'האָב ליב די זונעלע. דיך וועל איך אויך ליב האָבן: דו ביסטו דאָך זונעלע.

דאָס מיידעלע האָט זיך געוואָלט צעבייזערן, אָבער זי האָט זיך אויך צעלאַכט.

— גרעזעלע!

— זונעלע!

## גרעזעלע צוגאסט

די קינדער האָבן זיך גענומען פאַר די הענט און זענען אַוועק צו דער סטאַציע. גרעזעלע האָט געפירט די ליאַלקע אין שליטל. דעם גאַנצן וועג האָבן די קינדער געשמועסט, געצוויטשערט ווי פייגעלער.

— מיט וועלכן צוג ביסטו עס געקומען?

— איך בין נישט געקומען מיט קיין צוג, נאָר מיט אַ לאָקאָמאָטיוו. איז דאָס געווען שרעקלעך! אָבער איך האָב נישט מוירע געהאַט. איך האָב אַ באַקאַנטן מאַשיניסט ווײַס און כוץ דעם אויך אַ באַקאַנטן סטאַציע־שעף!

גרעזעלע האָט דאָס אַלץ דערציילט מיט אַן ערנסטער מינע. אינמיטן האָט איר אָבער זונעלע איבערגעהאַקט:

— מײַן טאַטע איז אַליין אַ סטאַציע־שעף. איך וווין דאָ שטענדיק און קען אַלע צוגן.

זיי זענען געקומען צו דער סטאַציע. זונעלעס טאַטע איז אַרויסגעקומען. די קינדער האָבן אים דערציילט, ווי זיי האָבן זיך געטראָפן און אַלץ, וואָס האָט מיט גרעזעלען פּאַסירט. זונעלעס טאַטע האָט אַ קוק געטון אויף גרעזעלען און געזאָגט:

— ביסטו דאָס, הייסט עס, דאָס פאַרפאַלענע יינגעלע? און דײַנע עלטערן זענען זייער אומרויִק צוליב דיר! וואָסזשע זאָל איך טון מיט דיר? אַ צוג גייט אָפּ קיין

וואַרשע ערשט זיבן אין אָוונט. נו, גוט — אַרום אַכט וועסטו זײַן אין דער היים. און דערווײַל וועסטו צו־וואַרטן בײַ אונדז.

ער האָט אַרײַנגעפירט גרעזעלען צו זיך. זיי האָבן געוווינט לעבן דער סטאַציע. זונעלעס מאַמע האָט גע־געבן גרעזעלען צו עסן מיטאָג. נאָכן עסן האָבן זיך די קינדער געשפּילט אין פּילקע און אין ביינדלעך.

## טאַטע און מאַמע

גרעזעלעס טאַטע־מאַמע האָבן נישט געוווּסט, אַז ער איז פריש און געזונט און אַפּילע פריילעך. די מאַ־מע איז געזעסן אין דער היים אַ בלייכע מיט פאַר־וויינטע אויגן. זי האָט גאָרנישט גערעדט.

דער טאַטע האָט טעלעפאָנירט אין פּאָליציי. מען האָט אים געענטפערט, אַז מען האָט געדאַרפט מעלדן וועגן פאַרפאַלענעם יינגעלע באַלד אויף דער סטאַציע, אָבער אַז זיי וועלן פונדעסטוועגן זוכן. דער טאַטע האָט טעלעפאָנירט צו אַלע באַקאַנטע. און אַלע באַקאַנטע האָבן געוווּסט, אַז גרעזעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן. און אַלע באַקאַנטע האָבן זיך געקלעמט צוגלײַך מיטן טאַטן און דער מאַמען.

די מומע מאַניע, די פאַרוואַלטערין פון קינדער־גאָרטן, איז עטלעכע מאָל געקומען פרעגן וועגן גרע־זעלען.

גרעזעלע איז אַלץ נישט געווען.

ענדלעך האָט דער טאַטע געזאָגט:

— איך וועל גיין אין אַ רעדאַקציע פון אַ צײַטונג, מען דאַרף געבן אַ מעלדונג. עפּשער האָט עמעצער געזען אונדזער יינגעלע און וועט אונדז לאָזן וויסן.

די מאַמע האָט טרויעריק געענטפערט:

— גוט, גיי. איך וועל דאָ זיצן בײַם טעלעפאָן.

## דער רעדאַקטאָר

ס'איז שוין געווען אָוונט. אָבער דער טאַטע האָט געוווּסט, אַז אַ צײַטונג דרוקט מען בײַנאַכט. באַגינען צעשיקט מען זי מיט אַלע צוגן, אינדערפרי פאַרקויפט מען זי אויף די גאַסן.

דער טאַטע האָט זיך געקענט מיטן רעדאַקטאָר. ער האָט דערציילט דעם רעדאַקטאָר זײַן אומגליק. אָבער דער רעדאַקטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט מיט אַ קרעכץ:

— איך קען נישט דרוקן גאָרנישט וועגן גרעזע-לעז. כ'קען נישט. נישטאָ קיין אָרט. הײַנט האָבן די אַרבעטער אַ פרײַען טאָג און ס'אַרבעטן בלויז פינף מאַן. מאָרגן גייט אַרויס נאָר אַ קליין בלעטל.

— אָבער פאָרט, ליבער רעדאַקטאָר! איר פאַר-שטייט דאָך, אַזאַ אומגליק... — האָט געזאָגט דער טאַ-טע. און זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי בײַ אַ קינד.

דאָ איז אַרײַן אין צימער אַ מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן

צײַטונג־בויגן, באַדרוקט נאָר פון איין זײַט. ער האָט אָװעקגעלייגט דעם בויגן אויפן טיש. דער רעדאַקטאָר האָט גענומען אַ רויטן בלײַער, האָט אָנגעהויבן שטרײַכן איבערן בויגן און געזאָגט:

— דאָס אויסטיילן באַזונדער (און ער האָט אַדורכגעפירט אַ לאַנגן רויטן פּאַס), דאָס זעצן מיט פעטער שריפט (ער האָט עפּעס אַ וואָרט אונטערגעשטראָכן צוויי מאָל), און דאָס־אָ אינגאַנצן אַרויסוואַרפן (ער האָט עטלעכע שורעס אינגאַנצן איבערגעשטראָכן מיט אַ רויטן ציילעם און נאָך צוגעגעבן צום ציילעם אַ לאַנג געשלענגלט ווײדעלע).

דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויפן טאַטן און געזאָגט:

— נו, אײַער גליק! פרײַ געוואָרן אַ שטיקל אָרט. גיט אַ הער די מעלדונג.

דער טאַטע האָט זיך געזעצט בײַם טיש, און גיך אָנגעשריבן, אַז ס'איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ ייִנגעלע מיטן נאָמען גרעזעלע, און אויב עמעצער ווייסט וועגן דעם ייִנגל זען, זאָל ער אומבאַדינגט טעלעפאָנירן צום טאַטן אין ביוראָ אָדער אַהיים.

דער רעדאַקטאָר האָט אַ קוק געטון אויפן טאַטנס געשרײַבטס, עפּעס אונטערגעשטראָכן, עפּעס אויסגעמעקט, עפּעס פאַרריכט און געזאָגט:

— גייט אַרײַן אין דרוק און זאָגט, אַז איך האָב געבעטן, מען זאָל עס טיקעף אויסזעצן און אַרײַנגעבן אין מאָרגנדיקן נומער.

CHILDREN'S LIBRARY
JEWISH PUBLIC LIBRARY
BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה היהודית העממית

## װען זעצט די צײַטונג

אין דרוק איז געװען אַביסל טונקל, ס׳האָט זיך געפּילט פאַרב און רויך. אין ערשטן צימער זענען גע־שטאַנען מאַשינען. יעדערע פון זיי איז געװען אַזוי גרויס װי צװיי טישן אַװעקגעשטעלטע אויף אַנאַנדער. די מאַשינען הייסן לינאָטיפּן. פאַר יעדער מאַשין איז געזעסן אַ זעצער אַ לינאָטיפּיסט.

דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צום לינאָטיפּיסט און האָט אים דערלאַנגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר. דער לינאָטיפּיסט האָט עס אַװעקגעלייגט פאַר זיך און אָנגעהויבן דריקן די קלאַװישן פון זײַן מאַשין. ער גיט אַ קלאַפּ אויף אַ קלאַװיש און אין דער מאַשין אינעװייניק פאַלט אַרײַן, װוהין ס׳דאַרף, אַ שמאָלינק מעשן בלעכל מיט אַן אָס־אַ פורעם. דער לינאָטיפּיסט האָט אָנגעדריקט די קלאַ־װישן. די מאַשין האָט געגרילצט װי אַ מאַכנע גרילן. די נייטיקע אויס:עס־פורעמלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ רײַ. װען ס׳האָט זיך פון זיי אויפגעשטעלט אַ גאַנצע שורע, האָט אין דער מאַשין שטיל אַ קלונג געטון. דער לינאָטיפּיסט האָט אַ דריי געטון פאַר אַ הענטל. די אויס:עס־פורעמלעך האָבן זיך אויסגעפּילט מיט בלײַ. ער האָט אַ דריי געטון דאָס הענטל אין אַן אַנדער זײַט, איז גלײַך אויפן טיש אַראָפּגעפאַלן אַ שװער גלאַנציק שטיק פון זילבער־קאָליר. אויף איין ברעג פון דעם שטיק בלײַ האָבן זיך אויסגעשטעלט די ערשטע װערטער פון טאַטנס אַנאָנס.

דער טאַטע האָט עס געוואָלט נעמען אין דער האַנט, אָבער ער האָט שיער נישט קיין געשריי געטון. עס איז געווען הייס ווי אַ קאָכעדיקער טשײַניק.

אויף דער מאַשין, וואָס הייסט לינאָטיפּ, ווערן די ווערטער און שורעס געמאַכט פון הייסן פליסיקן בלײַ. און ווען אַזאַ שורע איז פאַרטיק, מוז מען אומבאַדינגט צוּוואַרטן, ביז זי וועט זיך אָפּקילן. אַזיסט קען מען זיך אויף אַן עמעס אָפּברי׳ען.

די צען שורעלעך פון טאַטנס אַנאָנס זענען געווען פאַרטיק אין פינף מינוט. דער טאַטע האָט אָנגעטון אַ הענטשקע אויף דער האַנט, גענומען די שורעלעך און אַוועקגעטראָגן זיי צו דעם זעלבן מיטאַרבעטער, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט דעם רעדאַקטאָר דעם בויגן פון דער צײַטונג.

# דער זאַץ

פאַר דעם מיטאַרבעטער זענען אויף אַ גרויסן אײַזערנעם טיש געווען אויסגעלייגט אַ סך שורעלעך מיט די אויס׳עס אַרויף. פון די אַלע שורעלעך האָט זיך באַקומען אַ גרויס זילבערן בלאַט, די גרייס פון אַ גאַנצער זײַט צײַטונג. דער טאַטע האָט געזען אויף דעם בלאַט, וואָס איז באַשטאַנען פון שורעלעך, דעם נאָמען פון דער צײַטונג, עפּעס אַ צייכענונג און אַ סאַך־אַ סאַך קליינינקע אויס׳עס. איבערלייענען זיי איז געווען שווער. די אויס׳עס זענען געווען אַזוי, ווי מען קען זען, איבּ

מען קוקט אויף אַ צײַטונג אין אַ שפּיגל. דער מיטאַר־בעטער האָט גענומען דעם טאַטנס שורעלעך און זיי אַרײַנגעשטעלט אין אַ פרײַ אָרט פון דעם אויסגעזעצטן צײַטונג־אָמעד.

דאָס גאַנצע בלאַט, אויסגעזעצט פון די קליינע שורעלעך, איז געלעגן אין אַ פעסטער אײַזערנער ראַם. דער אַרבעטער האָט פעסטער צוגעדרייט די שרויפן אין די ווינקלען פון דער ראַם, קעדיי די שורעלעך זאָלן זיך נישט צעשיטן, און געזאָגט הויך:

— דער זאַץ איז פאַרטיק. נעמט אים אין מאַשין! (דער אַרבעטער איז דאָ געווען דער סאַמע וויכטיקסטער).

זענען צוגעגאַנגען צוויי אַרבעטער, האָבן קוים אויפגעהויבן די ראַם מיטן אָמעד זאַץ און אַוועקגעטראָגן אים צו דער דרוק־מאַשין.

## צוועלף בײַנאַכט

ס'איז שוין געווען צוועלף בײַנאַכט. דער טאַטע האָט אַ טראַכט געטון: „און טאָמער איז גאָר גרעזעלע שוין אין דער היים, און איך פאַרדריי דאָ אַ קאָפּ פאַר־נומענע מענטשן?"

ער איז אַוועק אין קאַנטאָר און אָנגעקלונגען אַהיים. די מאַמע האָט געפרעגט מיט אַ דערשראָקענער שטים:

— ווער רעדט?

די מאַמע האָט מוירע געהאַט, אַז גרעזעלע איז אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ טראַמוויַ אָדער אַ צוג. זי

האָט אויפגעציטערט בײַ יעדן קלונג פון טעלעפאָן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דורכן טעלעפאָן וועט מען איר אָנזאָגן עפּעס אַ שרעקלעכע בשורה וועגן גרעזעלען.

דער טאַטע האָט פאַרשטאַנען לויט דער מאַמעס שטים, אַז גרעזעלע איז אין דער היים נישטאָ. דער טאַטע האָט זיך געפּלײַסט צו רעדן וואָס פריילעכער, קעדיי זי צו באַרויִקן.

— דאָס רעד איך, דער טאַטע. פון דרוק רעד איך. איך זע, ווי מע דרוקט דעם אַנאָנס. מאָרגן וועלן מיר זיכער אַלץ וויסן אויף קלאָר.

ס'איז געווען צוועלף בײַנאַכט, און גרעזעלע איז אין דער היים נישט געווען, און מען האָט נישט גע־ וווּסט, ווו ער געפינט זיך.

## די צײַטונג דרוקט זיך

די ראָם מיטן זאַץ האָט מען אַרײַנגעלייגט אין מאַשין. אין מאַשין איז געווען אַ ריזיקער וואַל, אָנגע־ שמירט מיט שוואַרצער פאַרב. דער וואַל האָט זיך אַרי־ בערגעקײַקלט איבער דעם זאַץ און אַלע אויסיִעס זענען פון זילבערנע געוואָרן שוואַרצע. דערנאָך האָט דער אָמעד מיטן זאַץ זיך אַרונטערגערוקט אונטער אַ זיך דרייענדיקער פּויק, אויף וועלכער ס'איז געלעגן אַ בויגן ווײַס פּאַפּיר. די פּויק האָט צוגעדריקט דעם בויגן צום זאַץ, און אַלע אויסיִעס, צייכענונגען, ציפער און פּאַ־



סיקלעך האָבן זיך אויפן בויגן אָפּגעדרוקט מיט שוואַרצער פאַרב.

אַזוי האָט זיך באַקומען אַן אָמעד צײַטונג*). דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין און דערזען בײַם סאַמע בּרעג פון דער זײַט זײַן אַנאַנס. דאָרט איז געשטאַנען מיט גרויסע אויסיעס:

## פאַרפאַלן געוואָרן אַ ייִנגל

און דערנאָך האָט זיך דערציילט, ווי דאָס ייִנגל הייסט, און אויף וועלכן טעלעפאָן מען דאַרף צוויסן טון, אויב עמעצער וועט אים דערזען.

דער טאַטע האָט געבעטן אַ דערלויבעניש מיטצונעמען איין צײַטונג. מען האָט אים דערלויבט. דער בויגן האָט זיך נאָך געשמירט מיט שוואַרצער פאַרב. דער טאַטע האָט אים פינקטלעך אײַנגעקנייטשט און באַהאַלטן אין קעשענע—צו ווײַזן דער מאַמען. דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן אַהיים.

## גרעזעלע קלײַבט זיך אַהיים

אַרום האַלב זיבן איז מען געקומען נאָך גרעזעלען. אים האָט זיך נישט געגלוסט אָפּצופאָרן. ס'איז געווען זייער פריילעך זיך צו שפּילן מיט זונעלען. אָבער אין וואַרשע זענען דאָך דער טאַטע און די מאַמע געווען זייער אומרויִק און האָבן געוואַרט אויף אים.

*) צו דרוקן צייטונ.ען האָט מען דערפונדן ראָטאַציע-מאַשינען. די דאָזיקע מאַשינען זענען קאָמפּליצירטערע, אָבער דערפאַר ארבעטן זיי זייער גיך. צייטונגען מוז מען דאָך האָבן אַ סאַך.

גרעזעלע האָט אַלעמען געגעבן די האַנט צום געזעגענען און געזאָגט צו זײַן כּאַווערטע:

— זונעלע, דו קום צו פֿאָרן צו אונדז אין קינדערגאָרטן. מיר האָבן נאַרטעס און שליטנס, מירן זיך אַראָפּלאָזן פֿון אַ באַרג אַראָפּ. איך וועל דיר ווײַזן אַ שיף און אונדזער אַלעמענס באַן.

זונעלעס מאַמע האָט געקוקט אויף גרעזעלען און געשמייכלט.

דערנאָך האָט זיך גרעזעלע אָנגעטון און איז אַוועק צו דער סטאַנציע. זונעלע האָט אים געוואָלט באַגלייטן נאָר די מאַמע האָט נישט געלאָזט — ס'איז שוין געווען שפּעט.

603
15866

## דער צוג קומט אָן

ס'איז שוין געווען פֿינצטער. גרעזעלע איז געשטאַנען מיט זונעלעס טאַטן אויפֿן פּעראָן. צו דער סטאַנציע איז צוגעגאַנגען אַ ריזיקער שוואַרצער צוג. פֿון פֿאָרנט האָט ער געהאַט דרײַ לאַמטערנס. זיי האָבן געלויכטן אין דער פֿינצטערניש ווי ליכטיקע פֿענצטער.

די פּאַסאַזשירן האָבן אָנגעהויבן לויפֿן און טומלען. אַ פֿויער אין אַ געל פּעלצל, מיט צוויי קוישן אין די הענט, איז געלאָפֿן אַנטקעגן דעם צוג. אַן אַנדערער בירגער איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער סטאַנציע; אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ריזיקן פּאַק, און אין דער צווייטער — אַ ייִנגעלע פֿון אַ פֿיר יאָר. ער האָט אַוועקגע־

לייגט דעם פּאַק אויף די שטיינער, אַוועקגעשטעלט דאָס קינד דערלעבן און צוריק געלאָפן צו דער סטאַציע. מיטאַמאָל איז ער ווידער אַרויסגעשפּרונגען, אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַק, נאָך אַ גרעסערן פון דעם פריערדיקן, און אונטערן אָרעם — אַ קינד פון צוויי יאָר. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קינד לעבן יענעם קינד, אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל און ווידער אַוועקגעלאָפן. ענדלעך איז ער אַרויסגעקומען: אין די הענט האָט ער געטראָגן צוויי פּעקלעך און אַ קוישל. הינטער אים איז געגאַנגען אַ פרוי מיט אַ קינד ביי דער ברוסט און מיט אַ סאַך קליינע פּעקעלעך.

„דאָס איז געוויס די מאַמע פון די אַלע קינדער", האָט גרעזעלע געטראַכט.

דער צוג איז צוגעגאַנגען צו דער סטאַציע מיט אַ געוואַלטיקן ליאַרעם און קנאַק. גרעזעלע האָט פאַרשטאָפּט די אויערן מיט די הענט. ער האָט זיך נישט געשראָקן—אָבער דער צוג האָט עפּעס שוין צו הויך געטראַסקעט און ער איז געווען עפּעס צו ריזיק. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאָפּעט און געסיקעט, גלייך אים וואָלט געווען שרעקלעך שווער צו שלעפּן הינטער זיך אַזויפיל וואַגאָנען און ער איז דעריבער זייער פאַרמאַטערט.

## דער עלטסטער קאָנדוקטאָר



צום שעף פון דער סטאַציע איז צוגעלאָפן אַ גרוי-

ער און שטרענגער מאַן מיט אַ קאָנטראָל־ביכל אין האַנט און מיט אַ פּײַפל אויף אַ זילבערן קייטעלע. דאָס איז געווען דער עלטסטער קאָנדוקטאָר, דער סאַמע וויכטיקסטער אין גאַנצן צוג.

— אַלץ איז אין אָרדענונג, — האָט געזאָגט דער קאָנדוקטאָר. — מ׳קען פאָרן?

— פאָרט, — האָט געענטפערט דער שעף. — נעמט נאָר מיט דעם יאַט. ער איז זיך פונאַנדערגעפאָרן מיט זײַנע עלטערן.

— וואָס טו איך מיט אים? אין פּאָליציי אָפּגעבן?

— נאָכוואָס אין פּאָליציי? ער איז אַ פאַרשטענדיקער יינגל, זעצט אים אַרײַן אין טראַמוויי, וועט ער דערפאָרן ביז זײַן היים.

— אַוואַדע וועל איך דערפאָרן! — האָט געזאָגט גרעזועלע.

## אהיים

גרעזועלען האָט מען אַרײַנגעזעצט אין אַ באַזונדערן וואַגאָן־אָפּטייל. דאָרט זענען געפאָרן בלויז קאָנדוקטאָרן. קיין בילעט האָט קיינער בײַ גרעזועלעז נישט געפרעגט און קיינער האָט מיט אים נישט געשמועסט איבערן גאַנצן וועג.

אין שטאָט האָט מען אים אויפדערגיך אַדורכגעפירט דורכן דורכגאַנג פאַר קאָנדוקטאָרן. גרעזועלע האָט געוואָלט פרעגן אויף זײַן באַקאַנטן מאַשיניסט, נאָר ער

האָט מוירע געהאַט. דער קאָנדוקטאָר, וואָס האָט אים געפירט, איז געווען זייער אַ שטרענגער. מען האָט גרע־זעלען אַרויסגעפירט אויף דער גאַס און געלאָזט שטיין אונטערן זייגער. דערקאָנדוקטאָר האָט נאָר געפרעגט צום געזעגענען:

— געלט האָסטו?

— כ'האָב! — האָט געענטפערט גרעזעלע.

— נו, טאָ זעץ זיך אין טראַמוויי און פאָר אַהיים.

## דער טראַמוויי פאָרט אין רעמיזע

ס'איז אָנגעקומען אַ טראַמוויי נומער 6, אינגאַנצן אַ פּוסטער. גרעזעלע איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, געלאָפן ביז ער האָט דעריאָגט דעם טראַמוויי האַרט בײַם אָפּשטעל.

צוזאַמען מיט גרעזעלען האָבן זיך אין טראַמוויי אַרײַנגעזעצט זייער אַ סאַך מענטשן. זיי האָבן געשטופּט און געשטיקט איינער דעם אַנדערן.

דער קאָנדוקטאָר איז געשטאַנען אויף דער פּלאַט־פאָרם און געשריגן מיט אַ הויכן קול:

— דער טראַמוויי גייט אין דער רעמיזע! דער טראַמוויי גייט אין דער רעמיזע!

„מיר איז נישט קיין נאַפקעמינע", האָט זיך גרע־זעלע געטראַכט און איז אַרײַן אין וואַגאָן.

אין וואַגאָן איז געווען אַסאַך פרײַ אָרט. גרעזעלע האָט זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע, זיך אַוועקגעזעצט

באַקוועמער און איז אײַנגעשלאָפֿן. אין כאָלעם האָט ער דערזען זונעלען, דעם געלן פעטער, דעם מאַשיניסט ווײַס, די קינדער פֿון קינדערגאָרטן און זײַן מאַמען. די מאַמע האָט עפּעס גענייט אויף אַ מאַשין. די מאַשין האָט געהודזשעט: אוך־אוך־אוך...

גרעזעלען איז געוועז וואַרעם און באַקוועם, נאָר פֿון צײַט צו צײַט האָט אים געבלאָזן אין די פֿיס. האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען:

— מאַמע, פֿאַרמאַך דעם לופֿטשיק!

די מאַמע האָט פֿאַרמאַכט דעם לופֿטשיק און ס'איז ווידער געוואָרן וואַרעם.

## די רעמיזע

דער טראַמוויַ איז פֿאַרפֿאָרן אין דער רעמיזע וווּאַהין עס פֿאַרקלײַבן זיך אויף בײַנאַכט אַלע טראַמווײַ־וואַגאָנען.

ס'איז נאָך געווען אָוונט, אָבער דער וואַגאָן איז אַוועק פֿון דער אַרבעט פֿרִיער פֿון אַנדערע וואַגאָנען.

ווי נאָר דער וואַגאָן איז אַרײַן אין דער רעמיזע, איז דער קאָנדוקטאָר אַוועק אין קאַנטאָר אָפּגעבן דאָס געלט פֿאַר די בילעטן. דער מאַן, וואָס פֿירט אָן מיטן טראַמווײַ־מאָטאָר און פֿירט דעם וואַגאָן, דער מאַשיניסט, האָט גענומען דעם שליסל פֿון מאָטאָר און איז אַוועק, נישט פֿאַרקוקנדיק אַפֿילו אין פֿענצטערל. זיי האָבן זיך ביידע געוואָלט וואָס פֿרִיער באַפֿרײַען.

איין גרעזעלע איז זיך אין וואַגאָן געשמאַק גע־
שלאָפן אויף אַ באַנק. פון דרויסן האָט מען אים נישט
געזען.

## די רוימערין מאַריע

בײַנאַכט האָבן זיך אין דער רעמיזע אויפגעזאַמלט
אַסאַך וואַגאָנען. די רוימערין מאַריע האָט אויסגע־
קערט די וואַגאָנען און מיט אַ טיכעלע איבערגעווישט
די שויבן פון די פענצטער. זי האָט די ערשטע דערזען
דעם שלאָפנדיקן ייִנגל.

— טאַטעלעך, וואָס איז דאָס אַזוינס? אַ ייִנגל
שלאָפט אין וואַגאָן. ווער האָט אים דאָס איבערגעלאָזט
דאָ? שטיי אויף, ייִנגעלע! ייִנגעלע!

גרעזעלע האָט זיך איבערגעדרייט און דורכן שלאָף
אַרויסגעמורמלט:

— מאַמעשי, איך וועל שוין אין ערגעץ אַליין נישט
פאָרן. נאָר לאָז מיך זיך אויסשלאָפן!

מאַריע האָט אָנגענומען דעם ייִנגל פאַר די אַקס־
לען און אים פעסט אַ טרייסל געטון.

גרעזעלע האָט אויפגעעפנט די אויגן, דערזען די
אומבאַקאַנטע פרוי, זיך דערשראָקן און הויך אַ געשריי
געטון:

— מאַמע! מאַמע!

— שאַ, שרעק זיך נישט, ייִנגעלע — האָט מאַריע

געזאָגט מיט אַ צאַרטער שטים. — געפאָרן מיט דער מאַמען? ווי־זשע האָט זי דיך פאַרגעסן?

— ניין, איך בין אַליין געפאָרן, — האָט געענט־פערט גרעזעלע. מיטאַמאָל האָט ער געקריגן ראַכמאָנעס אויף זיך אַליין. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז נאָר אינדערפרי פאַרפאַלן געוואָרן, געטראַכט, אַז ער וועט זיך שויז מער קיינמאָל נישט זען מיט זיין טאַטו און מאַמען. האָט ער זיך ביטער צעוויינט:

— כ׳וויל אַהיים צו דער מאַמען!

די רוימערין מאַריע איז געוואָרן אַביסל אומרויק: וואָס טוט מען מיט אַזאַ יינגל אַזוי שפּעט ביינאַכט? גרעזעלע האָט געוויינט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

האָט מאַריע געזאָגט:

— אָט אַן אומגליק. נו, וויין נישט. אינדערפרי וועט מען געפינען דיין מאַמען. ווי הייסט זי, וייסטו?

— כ׳—וו—ייס!

— איז מאָרגן וועסטו אויפשטיין. כ׳וועל דערגיין דעם אַדרעס אין אַדרעסן־ביוראָ און וועל דיך אַליין אָפפירן צו דיין מאַמען. און איצטער קום שלאָפן, קליינער.

און זי האָט גרעזעלען אַוועקגעפירט איבער דער רעמיזע.

## ווו ס׳נעכטיקן די טראַמווייען

גרעזעלע האָט שטאַרק געוואָלט שלאָפן, נאָר ווי

ער איז אַרויס פון וואַגאָן, איז אים דער שלאָף איבער־געגאַנגען אינגאַנצן.

ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזויפיל טראַם־ווײַ־וואַגאָנען צוזאַמען. די וואַגאָנען זענען געשטאַנען אין לאַנגע רײַען און הויך איבער זיי איז געווען אַ גלעזערנער דאַך. אונטערן דאַך האָבן געהאָנגען ריזיקע לאַמטערנס. זיי האָבן אַזוי געלויכטן, אַז מ׳האָט נישט געקענט אויף זיי קוקן. אונטערן דאַך האָבן זיך, ווי שפּינוועבס, איבערגעפלאָכטן עלעקטרישע דראָטן. אויף דער ערד, צווישן די טראַמוויי־רעלסן, זענען געווען טיפע גראָבנס. אין איין אַזאַ גראָבן איז געשטאַנען אַן אַרבעטער.

דער אַרבעטער האָט אַ געשרייגעטון:

— דערלאַנג!

דער טראַמוויי־וואַגאָן האָט זיך גערירט און איז אָנגעפאָרן איבערן אַרבעטער פון אויבן. גרעזעלע האָט זיך אָנגעבויגן אונטער די רעדער פון וואַגאָן צו זען, וואָס ס׳וועט זײַן ווײַטער. דער אַרבעטער איז געשטאַנען אונטערן טראַמווײַ. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן עלעקטרישן לאָמפּ, און אין דער צווייטער — אַ גרויסן פראַנצויזישן שליסל.

וואָס טוט ער דאָרט? — האָט גרעזעלע געפרעגט.

— ער קאָנטראָלירט דעם מאָטאָר, — האָט געענט־פערט מאַריע. — נו, קום גיכער, איך דאַרף נאָך אַרבעטן.

## דער װעכטער

זי האָט צוגעפירט גרעזועלען צום װעכטער־שטיבל. דאָרט איז געװען זייער הייס. אין װינקל איז געזעסן דער װעכטער און האָט געררייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— אָט האָב איך דיר געבּרענגט אַ סובּלאָקאַטאָר, — האָט מאַריע געזאָגט. — לאָז אים איבּערנעכטיקן.

— װוּ האָסטו אים גענומען? אין טראַמוויי האָט מען אים פאַרגעסן, צי װאָס? מע דאַרף אָנקלינגען אין פּאָליציי.

— ע, װאָס װעל איך גיין בּײַנאַכט שלעפּן אַ קינד איבּער דער פּאָליציי! לאָז ער זיך דורכשלאָפן בּיז אינ־דערפרי, און דעמאָלט װעט מען זען. ס'װעט שוין רעכט װערן

— מיילע, — האָט געזאָגט דער װעכטער, — לאָז ער איבּערנעכטיקן. אָט װעלן מיר אים דאָ לייגן, לעבּן אייװעלע.

## דער װעכטער איז אויך אַ גוטער

דער װעכטער האָט אויסגעבּעט אויף דער ערד זײַן ריזיקן שװאַרצן פּעלץ. מאַריע האָט אַראָפּגעצויגן פון גרעזועלען זײַנע שטיװעלעך און דאָס רעקל.

גרעזועלע האָט זיך אויסגעצויגן אויפן פּעלץ, גע־לייגט דעם קאָפּ אויף דעם קישן, װאָס מ'האָט געמאַכט פון זײַנע שטיװול און זײַן רעקל. מאַריע האָט אים צו־

געדעקט מיט איר גרויסער וואַרעמער טוך און געזאָגט:
„נו, שלאָף" און איז אַוועק.

גרעזעלע איז געבליבן אַליין מיטן וועכטער און האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן: „אַ לאָקאָמאָטיוו גייט דערפֿאַר, ווײַל דאָרט איז דאָ דאַמף, און ווי אַזוי גייט אַ טראַמוויי?"

ער האָט געעפֿנט די אויגן. דער וועכטער האָט געקוקט אויף אים און געשמייכלט.

— וואָס מורמלסטו דאָרטן? — האָט דער וועכטער געפֿרעגט גרעזעלען.

— אָט, איך טראַכט, ווי אַזוי גייט אַ טראַמוויי.

## ווי אַזוי גייט אַ טראַמוויי

— אַ טראַמוויי גייט מיט עלעקטרע. פֿון דער עלעקטרישער סטאַנציע גייט איבער די דראָטן עלעקטרישער שטראָם. אויפֿן טראַמוויי איז דאָ אַן אײַנגעבויגענער שטאַנג. איבערן שטאַנג גייט אַריבער דער שטראָם און קומט אַרײַן אין מאָטאָר. נו, און דער מאָטאָר דרייט די רעדער. דער מאַשיניסט שטייט אויף דער פֿאָדערשטער פּלאַטפֿאָרם און דרייט דעם רוקער. ער לאָזט אַרײַן אין מאָטאָר דעם שטראָם, אָט מער און אָט ווייניקער. ווען ער מער איבערדרייען דעם רוקער, וועט דער טראַמוויי לויפֿן גיכער. וועט ער צוריקדרייען דעם רוקער, וועט דער שטראָם נישט אַרײַן אין מאָטאָר און דער טראַמוויי וועט זיך אָפּשטעלן.



— אַהאַ, — האָט געזאָגט גרעזעלע. — און ווי אַזוי גייט אַן אויטאָמאָביל פון דער גיכער הילף?

— מיסטאָמע אַזוי ווי אַלע אויטאָמאָבילן גייען. אויטאָמאָבילן גייען...

אָבער גרעזעלע האָט שוין נישט געהערט, ווי אַזוי אויטאָמאָבילן גייען. אין וועכטער־שטיבל איז געשטאַנען אַן אייוועלע. פון אייוועלע איז געווען הייס. אויפן פּעלץ איז געווען ווייך.

גרעזעלען האָבן זיך די אויגן פאַרמאַכט. גרעזעלע איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

## אינדערפרי

באַגינען האָט מאַריע אויפגעוועקט גרעזעלען.

אים האָט זיך נישט געגלוסט אויפצושטיין. אָבער ווען ער האָט זיך אויסגעטשוכעט, האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אין זיין טאַטע־מאַמע. זוכן זיי אים נישט צומאָל?

האָט ער געזאָגט צו מאַריען:

— מומעשי, קומט גיכער צו דער מאַמען!

— ניין, ליבער, — האָט די מומעשי געענטפערט, — פריער דאַרף מען טרינקען טיי, און די אַדרעסן־ביוראָען זענען נאָך פאַרמאַכט.

דער וועכטער האָט אַראָפּגענומען פון אייוועלע אַ טשײַניק, אַרויסגענומען גלעזער, צוקער און עטלעכע בייגל. מאַריע, דער וועכטער און גרעזעלע האָבן געטרונקען טיי.

## אויף דער גאַס

פון דרויסן איז די רעמיזע געווען ענלעך צו אַ דרײַגאָרנדיקן הויז. זי איז געווען געבויט פון רויטע ציגל, גאָר אַ סאַך העכער פון אַ דרײַגאָרנדיקן הויז און אינגאַנצן אָן פענצטער. אָנשטאָט פענצטער האָט די רעמיזע געהאַט אַ גלעזערנעם דאַך.

אויף דער געבײַדע פון דער רעמיזע איז געווען אַ גרויסער זייגער. דער קליינער ווײַזער האָט געוויזן 9, דער גרויסער — 12.

פון דער רעמיזע זענען אַרויס די לעצטע טראַמ־ווײַען און זיך צעפאָרן אין פאַרשידענע ריכטונגען. בײַ די אָפּשטעלן האָבן זיך געקליבן אַ סאַך מענטשן. די וואַגאָנען זענען געווען פּאַק און פול, אַלע האָבן זיך געאײַלט צו דער אַרבעט. אָנגעשטעלטע האָבן גע־עפנט די לאָדנס פון די געשעפטן. די קערערס האָבן געשיט זאַמד אויף די טראָטואַרן.

## אויף דער פאָדערשטער פּלאַטפאָרם

מאַריע איז אַרײַן אויף דער פאָדערשטער פּלאַט־פאָרם פון אַ וואַגאָן און גענומען גרעזעלען מיט זיך.

דער מאָטאָרפירער האָט אַ זאָג געטון זייער שטרענג.

— גייט אַרײַן, פרוי, מיטן קינד אין וואַגאָן אַריין דאָ טאָר מען נישט שטיין.

מאַריע האָט אים געוויזן אַ קליין גלאַנציק נומערל און געזאָגט׃

— אייגענע מענטשן. דאָס יינגל איז מיט מיר.

מער האָבן זיי נישט גערעדט. מיסטאָמע האָבן זיי מער נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן. כּוץ דעם טאָר דער מאָטאָרפירער בעכלאַל נישט רעדן, ווען דער וואַגאָן איז אין גאַנג.

מאַריע איז געפאָרן מיט גרעזעלען דערווייסן זיך

דעם אַדרעס פון גרעזועלעס מאַמען. זי האָט מוירע געהאַט אָפּצולאָזן גרעזועלען אַליין. זי האָט געמיינט, אַז דאָס יינגל ווייסט נישט דעם אַדרעס. וואָרן אויב נישט, טאָ פאַרוואָס האָט ער פאַרבלאָנדזשעט?

זיי זענען געפאָרן אויף דער פאָדערשטער פּלאַטפאָרם.

## דער מאָרמאָז

גרעזועלע האָט זיך צוגעקוקט, ווי דער מאָטאָרפירער אַרבעט. מיט דער לינקער האַנט האָט ער געדרייט אַ גרויסן רוקער מיט אַ קנײַלעכיק הילצערן הענטל.

גרעזועלע האָט זיך דערמאָנט, וואָס דער ווערכטער האָט דערציילט אין דער רעמיזע, און געטראַכט: „זע נאָר, ווי דער מאָטאָר הודזשעט, ווען דער עלעקטרישער שטראָם קומט אין אים אַרײַן!“

מיטאַמאָל האָט גרעזועלע דערהערט עפּעס אַ שיפּען: שששששששש...

טכילעס האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט געטראַכט, אַז דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן. אָבער מאַריע איז געשטאַנען גלײַך ווי גאָרנישט. דער מאָטאָרפירער האָט אויך רויִק געקוקט פאָרויס און בלויז מיט דער גאַנצער קראַפט אָנגעטרעטן מיטן פוס אויף אַ גלאָק. דאָס קעפל פון דעם גלאָק האָט אַרויסגעשטאַרט פון דיל. עס האָט אויסגעזען ווי אַ קעפל פון אַ גרויסן גראָבן טשוואָק.

ס'האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער טראַמווײַ־קלונג: דיאַן—דיאַן—דיאַן...

און כוץ דעם קלונג — אַ שיפּען: שששששש...

מענטשן זענען גיך אַריבערגעלאָפן די טראַמווײַ־רעלסן. און ווען דער וועג איז געווען פרײַ, האָט דער מאָטאָרפירער ווידער איבערגעדרייט דעם רוקער. דער טראַמווײַ האָט אויפגעהערט קלינגען און שיפּען און איז געגאַנגען גיכער.

„וואָס זשע שיפּעט דאָס?" האָט גרעזעלע גע־קלערט.

פרעגן איז נישט געווען בײַ וועמען. מאַריע האָט אויסגעזען צו זײַן זייער אָנגעבלאָזן און מיטן מאָטאָרפי־רער טאָר מען בייסן פאָרן נישט רעדן. וועגן דעם איז אַפילע דאָ אַן אויפשריפט אויף דער פאָדערשטער פּלאַטפאָרם

דער וואַגאָן איז צוגעפאָרן צו אַ גרויסן פּלאַץ. דער מאָטאָרפירער האָט אַ דריי געטון דעם רוקער, דער וואַגאָן האָט אײַנגעהאַלטן זײַן לויף, ווידער זיך צעשי־פּעט און זיך אָפּגעשטעלט. דאָ האָט גרעזעלע באַמערקט, אַז געשיפּעט האָט דעמאָלט, ווען דער מאָטאָרפירער האָט מיט דער לינקער האַנט געדרייט פאַר אַ קליין הענטל־אונטער דעם הענטל איז געווען אַן אויפשריפט:

וועסטינגהאַוז־טאָרמאָז

מאַריע האָט אָנגענומען גרעזעלען פאַרן אַקסל און געזאָגט:

— נו, קום, מע דאַרף אַראָפּגיין. אָט אין דער געבײַדע איז דאָס אדרעסן־ביוראָ.

ווען זיי זענען אַראָפּ פון די טראַמווײַ־טרעפּלעך, האָט גרעזעלע געזאָגט:

— און איך ווייס, נאָך וואָס מע דאַרף דעם טאָרמאָז. דער טאָרמאָז — דאָס איז קעדיי אײַנצוהאַלטן דעם טראַמווײַ. אויף אַ לאָקאָמאָטיוו איז אויך דאָ אַ טאָרמאָז.

— אַלץ ווייסט ער דיר, און אַלץ דאַרף ער דיר — האָט מאַריע געבורטשעט. — שמיץ דאַרפסטו קריגן!

גרעזעלע האָט אַ קוק געטון אויף מאַריען. זי איז געווען אין כּעס. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געאַרבעט און איז איצט געווען מיד.

## דאָס אדרעסן־ביוראָ

מאַריע איז אַרײַן מיט גרעזעלען אין אַ גרויסן טויער, פון דאָרט אין אַ ביוראָ, און איז צוגעגאַנגען צו אַ פענצטערל. דאָס פענצטערל איז געווען פאַרמאַכט. דער באַאַמטער האָט געלייענט אַ צײַטונג. מאַריע האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון, גרעזעלע האָט אויך נישט געוווּסט וואָס צו טון. ער האָט גענומען לייענען די מעלדונג:

דאָ קען מען זיך דערוויסן דעם אַדרעס פון יעדן אײַנוווינער פון דער שטאָט וואַרשע

ס'איז אַריבער אַ ביסל צײַט. דער באַאַמטער האָט באַמערקט מאַריען, אָוועקגעלייגט די צײַטונג, גע-עפנט דאָס פענצטערל און געפרעגט:

— וואָס ווילט איר, פרוי?

מאַריע האָט געענטפערט:

— דאָס יִנגעלע האָט אָנגעווירן זײַנע עלטערן, וויל איך דערגיין זייער אַדרעס.

דער באַאַמטער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, דערזען גרעזעלען:

וואָס פאַראַ יִנגעלע? אָט אַ דער?

— יאָ, דער טאַקע. אין טראַמוויַ אים געפונען. איך דאַרף דאָס אַדרעסל. כ'וואָלט אים אָפּגעפירט אַהיים צו זײַן טאַטע-מאַמע.

— וואַרט, וואַרט, — האָט דער באַאַמטער געזאָגט און גענומען אַ צײַטונג. אונטן אין סאַמע ווינקל פון דער צײַטונג איז געווען געדרוקט אַן אַנאָנס

## פאַרפאַלן געוואָרן אַ יִנגל

— ווי הייסט דאָס יִנגעלע?

 גרעזעלע האָט געהערט דעם שמועס און געזאָגט:

— איך הייס גרעזעלע. דאָס איז קאָזמאַן לאיך בין אַ קליינער. און ווען איך וועל זײַן אַ גרויסער, וועל איך הייסן...

נאָר דער באַאמטער האָט אים נישט געלאָזט ענ־דיקן, האָט זיך הויך צעלאַכט און אויסגערופן:

— נו, אַוואַדע, ס'איז ער — גרעזעלע. זײַנע על־טערן זוכן אים שוין צוויי טעג. אָט איז דער אַנאָנס אין צײַטונג. מירן באַלד אָנקלינגען אין טעלעפאָן.

## בײַם טאַטן אין ביוראָ

דער טאַטע איז געזעסן אין ביוראָ זייער פאַר־זאָרגט, אַ גאַנצע נאַכט איז ער און די מאַמע נישט גע־שלאָפן. זיי האָבן אַלץ געוואַרט אויף אַ ידיעה. אינ־דערפרי איז דער טאַטע אַוועק צו דער אַרבעט. די מאַמע איז געבליבן אין דער היים, אינגאַנצן אַ קראַנקע.

אין טאַטנס ביוראָ האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז גרעזעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן. אַלע האָבן באַדויערט דעם טאַטן און איבערגעקלערט, ווו דער קליינער האָט געקענט אַהינקומען.

אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דאָס יינגל וועט זיך אָפּזוכן, און אַנדערע ווידער, אַז ער איז געוויס אַרונ־טערגעפאַלן אונטער די רעדער פון אַ צוג אָדער עפּעס ענלעכס.

מיטאַמאָל האָט אַ קלונג געטון דער טעלעפאָן.



דער טאַטע האָט גענומען דאָס טרײַבל און דערהערט:

— אײַער ייִנגעלע האָט זיך געפונען. קומט באַלד צו פאָרן אויפן טעאַטער־פּלאַץ, ער שטייט בײַם אַדרעסן־ביוראָ לעבן אַ פרוי אין אַ גרויער טוך.

— ביטע, האַלט אים! — האָט דער טאַטע אַרײַנגעשריגן אין טעלעפאָן. — לאָזט אים נישט אָפּ אויף קיין איין רעגע! נעמט נישט אַראָפּ פון אים קיין אויג! האַלט אים צו פעסטער!

די אָנגעשטעלטע, וואָס זענען געזעסן אין זעלבן צימער וואָס דער טאַטע, האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צום טאַטן און זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. ווי נאָר דער טאַטע האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל, זענען אַלע אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער, האָבן זיך געוואָרפן צום טאַטן און צוזאַמען אָנגעהויבן רעדן:

— וואָס איז געשען? געכאַפּט? געכאַפּט? זיך טאַקע געפונען? איך האָב דאָך באַלד געזאָגט!

פון אַ צווייטן צימער איז געקומען צו לויפן אַ פרוי, אַן אָנגעשטעלטע, און זיך צעשריגן:

— טאַקע אָפּגעשניטן בײדע פיס? איך האָב דאָך באַלד געזאָגט!

דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען און האָט ענערגיש א זאָג געטון:

— קאָלזמאַן כ'וועל אים נישט זען מיט מײַנע אייגענע אויגן, וועל איך גאָרנישט זאָגן! — דערנאָך איז ער גיך אַרויס אין קאָרידאָר, געכאַפּט זײַן מאַנטל און דעם הוט און זיך געלאָזט לויפן פון די טרעפּ אַראָפּ.

פון טאַטנס ביוראָ ביזן טעאַטער־פּלאַץ איז געגאַנגען דער אויטאָבוס A.

דער טאַטע איז אַרײַנגעשפּרונגען אין אויטאָבוס. דעם מאַנטל האָט ער באַוויזן אָנצוטון נאָר אויף איין אַרבל. אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ פרעמדן הוט. קאַלאָשן האָט ער געכאַפּט נישט זײַנע, אַזוי האָט ער זיך געאײַלט.

## נאָך בענזין

ערשט אין אויטאָבוס איז ער אַביסל געקומען צו זיך. ער האָט זיך געזעצט נאָענט פון אַרויסגאַנג. דער אויטאָבוס איז געגאַנגען גיך. דעם טאַטן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ. ער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער זען גרעזעלען.

מיטאַמאָל האָט דער טאַטע דערזען, אַז דער אויטאָבוס גייט נישט צום טעאַטער־פּלאַץ, נאָר ערגעץ אין אַ זײַט. דער טאַטע איז צו צום קאָנדוקטאָר:

— הער קאָנדוקטאָר, וווהין פאָרן מיר דאָס?

— נאָך בענזין,—האָט געענטפערט דער קאָנדוקטאָר.

— וואָס עפּעס נאָך בענזין? נאָך וואָס פּאַר אַ בענזין? וואָס זשע גיט איר בילעטן צום טעאַטער־פּלאַץ, אויב פאָרן פאָרט איר גאָר נאָך בענזין?

— באַרויִקט זיך, בירגער, איר וועט דערפאָרן אַהין, וווהין איר האָט גענומען אַ בילעט. און אָן בענ־זין וועט איר אין ערגעץ נישט דערפאָרן. דער בענזין וועט אויסגיין, וועט דער מאָטאָר אויפהערן צו אַרבעטן.

דער אויטאָבוס איז פאַרפאָרן אויף אַ קליין פּלעצל.

דאָ איז געווען אויפגעבויט אַ בײַדל און דערנעבן אַ געשטעל מיט הויכע דורכזיכטיקע גלעזער און אַ גרויסן קײַלעכיקן ציפערבלאַט. אויף דעם געשטעל איז געווען אַן אויפשריפט: „בענזין”. דער גאַנצער געשטעל איז געווען ענלעך אויף אַ ריזיקן טערמאָמעטער.

## ווי אזוי גייען אויטאמאבילן

בײַם בײַדל איז געשטאַנען אַ רײַ מאַסע־אויטאָס, טאַקסיס און געוויינלעכע. אָבער דער אויטאָבוס איז צוגעפאָרן צום געשטעל אויסער דער רײַ. דער שאָפער איז אַרויס פון זײַן בײַדל, צוגעגאַנגען צום בענזין־געשטעל און גענומען דאָרט בײַם אָנגעשטעלטן אַ גו־מענע קישקע מיט אַ מעשענער שרויף בײַם סאָף. דער אָנגעשטעלטער האָט אַ דריי געטון אַ הענטל. דער בענזין איז דורך דער קישקע געפלאָסן גלײַך אין באַק וואָס אין אויטאָבוס. ווען דער ווײַזער אויפן ציפערבלאַט

האָט געוויזן 30 ליטער, האָט דער שאָפער געזאָגט: — גענוג!

דערנאָך האָט ער גענומען גיסן אין מאָטאָר אַ געדיכטן געלן מאַשין־אייל, דערנאָך האָט ער גענומען קאָנטראָלירן דעם מאָטאָר — דאָ לאָזט ער אים אין גאַנג, דאָ שטעלט ער אים אָפּ.

דער טאַטע איז עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צום שאָפער און אים געבעטן, ער זאָל פאָרן גיכער.

— נישקאָשע, איר וועט באַווײַזן, — האָט געזאָגט דער שאָפער. — מיר שטעלן זיך נאָר איין מאָל אין טאָג אָפּ. מיר נעמען אָן בענזין און אייל אויף גאַנצע אַכט שאָ אַרבעט. נישקאָשע, איר וועט באַווײַזן! ס׳וועט נאָך אַלץ זײַן גיכער ווי מיטן טראַמווײַ.

ענדלעך איז דער שאָפער אַרײַן צוריק, געגעבן אַ פֿײַף און דער אויטאָבוס האָט זיך אַ ריר געטון.

## צי איז גרעזעלע שוין ווידער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

דער טאַטע איז צוגעלאָפן צום טויער פון ראַטהויז, ווו ס׳געפינט זיך דאָס אַדרעסן־ביוראָ און אָנגעהויבן זוכן גרעזעלען. גרעזעלע איז נישט געווען.

דעמאָלט האָט זיך דער טאַטע אַנטשולדיקט און הויך געזאָגט:

— בירגער, עפשער האָט עמעצער געזען אַ פרוי

אין אַ גרויער טוך מיט אַ קליינעם יינגל? אַזאַ קליי־
נינקער! גרעזעלע הייסט ער!

עפּעס אַ בירגער, וואָס איז געשטאַנען אין דער ריי, האָט געענטפערט פאַר אַלע:

— ניין, נישט געזען.

## די באַגעגעניש

דעם טאַטן איז דאָס האַרץ אַנטפאַלן. ער האָט אַ קלער געטון: „צי איז גרעזעלע שוין ווידער פאַרפאַלן געוואָרן?

— אַנטשולדיקט, אַנטשולדיקט, — האָט פּלוצלונג געזאָגט אַ יונגערמאַן אין אַ לעדערן פעלצל מיט אַ טעקע אין האַנט. — זיי זענען דאָרט אין ביידל פון טע־לעפאָן־אויטאָמאַט. איך האָב נאָרוואָס פאַר זיי אָנגע־קלונגען דעם נומער 62-84-11. אַפילו מיינע אייגענע צוואַנציק גראָשן אַריינגעוואָרפן.

דער טעלעפאָן־אויטאָמאַט איז געווען דאָ באַלד לעבן דעם אַדרעסן־ביוראָ.

דער טאַטע איז צוגעלאָפן צום ביידל פון דעם טע־לעפאָן־אויטאָמאַט און דורך דער גלעזערנער טיר דער־זען גרעזעלען. גרעזעלע האָט גערעדט אין טעלעפאָן.

ער האָט דערזען דעם טאַטן, האָט ער אַוועקגעגעבן דאָס טרייבל מאַריען און אַרויסגעלאָפן פון ביידל.

דער טאַטע האָט אַ כאַפּ געטון גרעזעלען אויף די

הענט, און גרעזעלע האָט אַרומגענומען דעם טאַטן פאַרן האַלדז.

צום אָנהייב האָבן זיי גאָרנישט גערעדט, — אַזוי גוט איז זיי געווען צוזאַמען. מאַריע איז געשטאַנען לעבן זיי און געווישט זיך די טרערן מיטן גרויסן טיכל.

ענדלעך האָט גרעזעלע געזאָגט:

— טאַטעשי, ווו ביסטו דאָס געווען אַזוי לאַנג? איך האָב אויף דיר געוואַרט, געוואַרט... און דו ביסט אַלץ נישט געקומען. איך בין אינגאַנצן צעפרוירן געוואָרן. און דערנאָך האָב איך מיט דער מאַמען גערעדט דורכן טעלעפאָן. די מאַמע איז געזונט, נאָר ס'איז איר געווען אַביסל אומעטיק אָן מיר.

## אין דער היים

דער טאַטע האָט זיך צעזעגנט מיט מאַריען, איר אָפּגעדאַנקט און געבעטן, זי זאָל קומען צוגאַסט. גרעזעלע האָט זיך אויך מיט איר צעזעגנט. דערנאָך איז ער אַרײַן מיטן טאַטן אין אַ טראַמוויַ און אַוועקגעפאָרן אַהיים.

אונטערוועגס האָט גרעזעלע דערציילט דעם טאַטן אַלץ וואָס האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן, און דער טאַטע— וואָס מיט אים. גרעזעלע האָט געפרעגט:

— מירן פאַרבעטן זונעלען צוגאַסט?

— אומבאַדינגט, — האָט דער טאַטע געענטפערט.

— און דעם שעף פון דער סטאַציע.

— דעם שעף פֿון דער סטאַציע אויך.

— און זונעלעס טאַטע־מאַמע?

— אויך, אויך.

ווען זיי זענען אַרײַן אין שטוב, האָט די מאַמע זיך צעוויינט, און דער טאַטע האָט קעסיידער געצויגן דאָס טיכל פֿון קעשענע און געווישט די אויגן און די נאָז.

דעמאָלט האָט גרעזעלע געפֿרעגט:

— וואָס וויינט איר? מאָדנע מענטשן זענט איר!

— מיר האָבן מוירע געהאַט, אַז דו ביסט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— נו, — האָט גרעזעלע געזאָגט, — ווי אַזוי קען איך פֿאַרפֿאַלן ווערן? איך בין דאָך שוין נישט קיין, זייער קליינינקער. איך בין אַ מיטעלער.

דער טאַטע און די מאַמע האָבן אַ שמייכל געטון און גרעזעלע האָט זיך פּלוצלונג געכאַפּט אַלײן:

— וואָס טו איך דאָס? איך האָב שוין פֿאַרשפּע־טיקט צו דער לעקציע. גייט איר אויך צו דער אַרבעט. אין אָוונט וועלן מיר זיך זען און מירן שמועסן.

גרעזעלע האָט פֿלינק געכאַפּט זײַנע זאַכן און אַוועק אין קינדערגאָרטן.

## דאָס איז די גאַנצע געשיכטע

דאָס איז די גאַנצע געשיכטע וועגן דעם, ווי אַזוי גרעזעלע איז שיר־שיר נישט פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. גרע־

זעלע ווינט נאָך איצטער מיט זײַי טאַטע־מאַמע איז וואַרשע.

אין דער דערציילונג איז אַלץ עמעס.

עס לויפן אויף דער וועלט צוגן און לאָקאָמאָטיוון, עס טראָגט זיך איבער די דראָטן עלעקטרישער שטראָם, און אין שטעט דרוקן זיך צײַטונגען, הודזשען טראַמוואַיען, אויטאָבוסן, אויטאָמאָבילן.

עמעס איז אויך, אַז אומעטום אַרבעטן מענטשן, און אַז ערגעץ אויף דער וועלט לעבט אַ קליין מיידעלע זונעלע, וועלכע איך האָב ליב און וואָס איך שענק איך די דאָזיקע דערציילונג.

אידישע פאלקס ביבליאטעק
Montreal - מאנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY